STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03127

BAYM OFENEM FENTSTER

Josl Lerner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאָסל לערנער

☆

ביים אָפענעם פענצטער

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון ליטעראַטור־פּאָנד
ביים פּאַראיין פון יידישע שרייבערס און זשורנאַליסטן אין ישראל
און קרן תל־אביב לספרות ולאמנות.

יאָסל לערנער

בײַם אָפֿענעם פֿענצטער

JOSL LERNER

BEIM OFENEM FENZTER

הילע פון אהרון מערכער

פאַרלאַג „ניי־לעבן"
אלנבי 85 תל־אביב

נדפס בישראל תשל"ט

©

Printed in Israel 1979

דפוס „אור" בע"מ, תל־אביב, שד' הר־ציון 104, טל. 822481



דער וועג איז לאַנג

זון און שאָטן

נישטאָ דער אומזין אָן אַ קערן זין,
נישטאָ קיין רחמים אָן אַ טראָפּן דין.
עמעצנס אַ שווערע האַנט
האָט דאָס לעבן אײַנגעשפּאַנט
און טרײַבט
אַ ה ע ר
אַהין,
אים אָנגעטאָן די קרוין, די גאָלדענע,
פֿון שדי׳ס „שין"
אויך דאָס מיצל, דאָס לצנישע,
דאָס טײַוולאָנישע,
פֿון שׂטנס „שׂין" — — —

אַ שפּיל אַזאַ פֿון זון און שאָטן. —
שדי קרע שטן!

דער וועג איז לאַנג

מיין ברודער בערלען

דער וועג איז לאַנג. דער וועג איז לאַנג
און שטויביק,
דער דעמב בײַם וועג איז פעסט. דער דעמב איז פעסט
און גלויביק.

ער טראָגט דעם גאַנצן דרויסן אויף זײַנע שטאַרקע
צווײַגן.
די צווײַגן רײַסן זיך צו זונענשײַן
און שטײַגן.

אַ פּשיטא שוין דער מענטש. כאָטש פון אַ פליג ער
שוואַכער
נאָר שטאַרקער ער פון אײַזן, דער מענטש
דער קונצנמאַכער.

זאָל פּאַשען זיך די רו — דאָס ווײַסע שעפעלע —
בײַ זײַנע שוועלן
און זאָל קיין שווערער וואָלקן איר די זונשײַן
נישט פאַרשטעלן...

פאָרזעונג

אויב גרויסע מחנות מערעשקעס — אין האַרבסט —
ערגעץ וווּהין אײַלן מיט פּליִעס,
די מײַז גרייטן אָן סטאָקעס מיט שפּײַז,
די בינען פאַרקלעפּן בײַם בינשטאָק
די שפּאַלטן,
די חזיר־ניסלעך אויפן דעמב פעסט
זיך האַלטן
און צוגעגנבעט מע האָט מײַן וואַרעמען פּאַלטן — —
וועט זײַן אַ לאַנגער
און שווערער
ווינטער...

אומבאַהאָלפנקייט

אומבאַהאָלפנקייט ביַי מענטשן
עפנט שטענדיק אין מיר אַ קוואַל
פון ליבשאַפט
און פון טרערן.
זיי זענען ווי קינדער וואָס קענען זיך
נישט ווערן,
האָבן צוטרוי צו דער גאַנצער וועלט
וואָס — אָפּן צי פאַרשטעלט —
נאַרט זיי אָפּ,
לאַכט זיי אויס.
נאָר געפינט פאַר זיי אַ וואָרט פון לויב
ערשט שפּעטער —
אחרי מות...

די לוויה

דער טאָג האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים
צום באַרג
און ווי אַ הינדעלע אויסגעגאַנגען.
האָט דער הימל מיט שוואַרצן אים איבערגעדעקט,
אַלע שטערן אָנגעצונדן,
צונויפגערופן באַלד
באַרג און טאָל און טײַך און וואַלד
און צו דער לוויה געגאַנגען.

געקומען אויפן הייליקן אָרט,
האָט מען אַ קבר געגראָבן און קדיש געזאָגט
און אויסדערציילט די מעלות טובות
וואָס פאַר אַן אוצר ער איז געווען
דער טאָג...
ס'איז צו אים נישט געווען קיין גלײַכן,
מיט אַ שמייכל צו דער גאַנצער וועלט. —
און אַז מען לייגט אַזוינעם אין קבר אַרײַן
איז די פרייד מיט אַ וואָלקן פאַרשטעלט...

דערנאָך איז מען זיך צעגאַנגען
איעדערער צו זיך אַהיים —
נאָר אויפן קבר פון פאַרשטאָרבענעם טאָג
האָט געוויינט דאָס בערגעלע ליים...

דער טײַך

דער טײַך שמעקט שוין מיט האַרבסט.
פליסט ער איצט באַרויִקט,
באַדאַכט,
טאָג ווי נאַכט,
טאָג ווי נאַכט
ווי מיט אַ וויכטיקער שליחות
צום ים,
ער זאָל אים געבן זײַן ברכה
און סמיכות...

נאָך אַ רעגן

נאָך אַ רעגן.
עס לאָזן די קינדער פּאַפּירענע שיפלעך
אויפן וואַסער,
און ווערטער פון צעשיידונג קלינגען
אין מײַנע אויערן
און דאָס פּײַפן פון אַ שיף־סירענע,
און דײַן שטיל געוויין, מײַן מאַמע,
בײַם צאינה וראינה... —
די סאַמע טרויעריקע קלאַנגען אויף דער וועלט...

די טרערן, זאָגסטו

די טרערן — זאָגסטו — זענען אַ קליינע דאָזע
פּאָספּאָרזויער,
אַ פּאָר טראָפּנס כלאָר,
דאָס איבעריקע איז וואַסער פּשוטע
אור גאָר? !

פון וואָס זשע זענען יענע טרערן,
ווען דאָס האַרץ אין פיבער
ווי אַ טײַך נאָך אַ פרילינג־רעגן,
פליִצט אַריבער?

פון וואָס זשע זענען יענע טרערן,
ווען דאָס האַרץ אין שקיעה
גייט אום אין קריעה?...

נישט די אָפּגעפרעמדקייט

נישט די אָפּגעפרעמדקייט דײַנע שרעקט מיך,
נאָר דײַן שווײַגן —
זײַן פאַרהוילענער באַטײַט.
עס רוישט אין מײַנע אויערן,
שרײַט, —
גלײַך דאָ, נישט ווײַט,
עס פאַלן שווערע שטיינער,
פון אַ באַרג
אַראָפּ
אין טײַך...

דאָס רעדעלע

דאָס רעדעלע דרייט זיך און דרייט זיך
און דרייט זיך
ווער עס האָט מזל, דער וואַקסט
און צעשפּרייט זיך
ווער נישט —
דער באַגייט זיך,
דער גורל צעטרעט אים,
צ ע ד מ ט
מכות רצח...

— — — — — — — — — — —

נאָר איז דען דער גזר פונעם גורל
לנצח ? !...

זייט מיר מוחל

פאַר מאַטל סאַקציער

זייט מיר מוחל, מיין מאַמעס שכנים,
פאַר די אויסגעזעצטע שויבן.
זייט מיר מוחל, חברים מיינע,
וואָס געשפּילט אַמאָל דעם טויבן.

זייט מיר מוחל, מיינע לערערס,
וואָס זיך שלעכט צומאָל געלערנט.
זייט מיר מוחל, טאַטע-מאַמע,
וואָס נישט איין מאָל אייך דערצערנט.

זייט מיר מוחל, מיינע ליבעס,
וואָס געהאַט צומאָל פאַרדאַכטן.
זייט מיר מוחל, מיינע קינדער,
אויף דער וועלט, די נישט געבראַכטע.

זייט מיר מוחל, מיינע לידער,
וואָס צומאָל מיר נישט געראָטן.
זייט מיר מוחל אַלע, אַלע,
ווען איך האָב אָנגעטראָטן.

— — — — — — — — — — —

פאַר מיין שפּיל אין „גאָט און שטן"...

די פרייד געקומען איז

מיין ברודער יצחקן

די פרייד געקומען איז פון גאַנצפרי אָן
און אָנגעקלאַפּט אין אַלע שויבן.
אויפן פלויט געשטאַנען איז אַ ווײַסער האָן,
אויפן דאַך געוואָרקעט האָבן ווײַסע טויבן.

אַרומגעלאָפן זענען קינדער אינעם הויף,
געוואַקסן האָט די פרייד אַ שורה נאָך אַ שורה.
זיך אָנגעהויבן האָט דער טאָג הײַנט בכי־טוב,
מיר אָנגעבראַכט פון דיר אַ גוטע בשורה.

פלעכטן זיך די שורות גראָם נאָך גראָם
מיט אויגן ברייט צעעפנטע, וואָס גאַפן. —
פאַרכלינעט זיך מיט הימל האָט דער ים
און בראשית איז אַ יעדער טאָג פון שאַפן.

דער קאַיאָר

מיין שוועסטער רחלען

דער קאַיאָר גייט אויף די שפּיץ פינגער.
דער דרויסן ווערט שיינענדיקער, יינגער.

דער הימל — אַ צעשפּרייטער, בלויער —
זיך איינגעהילט אין פרייד פון דויער.

די ערד ליגט ווידער שוין אין קימפּעט.
סע שטראָמט פון איר מיט פּרוכפּערונג און אימפּעט.

עס קוועלט דאָס ליכט אין דעם אַרום
אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן. —

אַ צערודערטער דער דרויסן שטייט
ביי זיין צוקאָפּנס. —

— — — — — — — — — — —

ווער זשע האָט אַריינגעשטאָכן אינעם האַרץ פון וועלט אַ מעסער,
דאָס ליכט פאַריגלט אונטער נייַנציק שלעסער?...

דער שיפּורער ווינט

פֿאַר וועמען האָט דער ווינט זיך פֿאַרזינדיקט אַזוי?
ווער טרײַבט אים „סקוואַז-סטרוי״?
עס גרוילט דער אָרום פֿון געברום און געוווי...

פֿאַרזינדיקט עס האָט זיך דער ווינט פֿאַר דער שטאָט,
געקומען אין שטאָט אַרײַן שיכור ווי לוט
און זיך געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט.

צעבראָכן בײַ אַן אָפּענעם פענצטער אַ שויב,
ביז העכער די דעכער געהויבן דעם שטויב
און חרוב געמאַכט די נעסט פֿון אַ טויב.

האָבן זיך קינדער אין פערדלעך געשפּילט,
האָט ער געבלאָזן, געריסן זיך ווילד,
האָבן די קינדער זיך נעבעך פֿאַרקילט.

פֿאַר זיי האָט דער ווינט זיך פֿאַרזינדיקט אַזוי,
האָבן אים אַלע געטריבן „סקוואַז-סטרוי״:
די צעבראָכענע שויב,
דער געהויבענער שטויב,
די חרובע נעסט פֿון דער אָרעמער טויב,
די קינדערלעך אַלע וואָס ער האָט פֿאַרקילט,
און אים געשטילט...

אַ ווילדן אָקס...

אַ ווילדן אָקס איר קענט אַוועקלייגן מיט אײַערע רייד,
אַ פּשיטא שוין אַ דיכטער. —
אַ וויסטע קעלט פון אײַערע קליידער גייט
אין פֿאַלשע טאָגעס אײַנגעהילטע ריכטער...

אײַער שמייכל לייגט זיך קרום אויף אײַער געזיכט,
די בליקן אײַערע — פֿאַרסמטע פײַלן. —
שטעלט זשע איצט מײַן ליד פֿאַרן געריכט,
און זאָלן אַלע לצים זיך פֿאַרווײַלן.

פון אײַער אָטעם די פייגל קומען אום,
פֿאַרוויסט עס ווערט דאָ דער אַרום פון אײַער לאַכן. —
נאָר דער פויגל אין מײַן האַרצן ווערט נישט שטום,
הערט נישט אויף צו זינגען און צו וואַכן...

עס האָבן אונדז די מיספאַרשטייעניש

עס האָבן אונדז די מיספאַרשטייענישן פון יענע טעג,
צערודערט און דערוויַיטערט;
און כאָטש מיר גייען נאָך דעם זעלבן וועג,
נאָר דורך טויזנט פיַיערן געליַיטערט.

ווער פון אונדז איז דער גערעכטער
און ווער באַדאַרף על-חטא אין האַרץ
זיך שלאָגן? —
אסור צי געמיינט האָב איך צו שלעכטן,
ווען געוואָלט דעם שאָטן פון פאַרדאַכט פאַריאָגן...

איצט שטרעק איך אויס מיַין האַנט דער ערשטער
און וויל דער ערשטער אויך אין אַלץ פאַרגעסן
און פאַרגעבן. —
אָפּט איז דער זכרון אונדזער פיַינד דער גרעסטער,
דער שולדיקער פון פלאָנטער אינעם לעבן...

פיקסלעך זענען אין מײַן ווײַנגאָרטן אַרײַן

פֿאַר גרשון און הערש סעגאַל

פּיקסלעך זענען אין מײַן ווײַנגאָרטן אַרײַן,
איר האָט זיי, פֿרײַנד מײַנע,
פֿאַרטריבן.
נאָר אין מײַן בעכער ווײַן,
דער טראָפּן ביטערקייט וואָס איז פֿאַרבליבן,
פֿאַראומערן געזאָלט האָט
מײַן געמיט,
מײַן ליד
מיט קידער־ווידער...

די ליבע־קרײַטעכצער פֿון מײַנע גוטע־ברידער
אונדז האָבן אויסגעהיילט,
אַרײַנגעטראָפּנט האָבן
פֿרישן זאַפֿט
אין מײַנע גלידער,
אין מײַנע לידער...

די הינט פֿאַרדערען זייערע קעפּ

די הינט פֿאַרדערען זייערע קעפּ
צום הימל,
ציילן מיט אַ ווילד געביל די שטערן,
לאָזן נישט איך זאָל אַנטשלאָפֿן ווערן.

שטיי איך בײַ דעם פֿענצטער
און אויף אַ קול —
זיי זאָלן הערן —
איך העלף זיי ציילן:
איינס,
צוויי,
דרײַ,
זיי זאָלן זיך נישט טועה זײַן אין חשבון
און ציילן אָנהייבן אויף ס'נײַ...

דער גאָרטן צום פרילינג...

דער גאָרטן צום פרילינג שוין גרייט זיך.
אויף אַ נאַקעטן בוים אַ פייגעלע היפּעט
פון צווייַגל צו צווייַגל
און פרייט זיך.

דער הימל, צעבליט, מיט אַ בלוייִנקן וואָלקנדל
שפּילט זיך.
דער ערד איז נאָך קאַלט. נעמט זי דעם וואַרעמען דרויסן
אויף זיך
און פאַרהילט זיך.

איך מיט די קינדער אין גאָרטן פאַרווייַל זיך.
נאָר עמעצער שלעפּט מיך בייַם אַרבל
און רופט:
נעם אייַל זיך!

אַ ווייַלע איך בלייַב אַזוי שטיין און פאַרטראַכט זיך:
וווּהין איז דאָס אייַלן?
נאָר יענער טייַוולאָניש צעלאַכט זיך:

דו ווייסט נישט וווּהין? אָט אַהינצו, פאַרשטייט זיך,
ווו מער נישט פאַראַן איז קיין זון
און קיין פריידן —
נעם גרייט זיך!...

— — — — — — — — — — —

דער גאָרטן צום פרילינג שוין גרייט זיך נישט מער,
אויף אַ נאַקעטן בוים אַ פייגעלע היפּעט פון צווייַגל צו צווייַגל
און פרייט זיך נישט מער...

מיר זענען

מיר זענען ווי אומענדלעך קליינע קערפּערס,
וואָס זענען בײַם אָנהייב געפלויגן,
געהעפּטע צוזאַמען
נאָר פּלוצים צעפאַלן געוואָרן. —
פאַרלוירן דעם פאָדעם פון וואַנען מיר שטאַמען.

ווײַל יעדער פון אונדז,
געפירט פון אַן אַנדערן טרוים,
האָט אומגעשריבן אַ צווייטן קרײַז
אין רוים...

די פרוי וואָס שמייכלט

די פרוי וואָס שמייכלט צו מיר
בײַם פענצטער,
איז נישט בײַם פולן זינען...

אויף די צווײַגן פון דער ווערבע
לעבן הויז
זיצן גרויסע שפּינען...

איך האָב אַרומגעזוכט מײַן פרײַנד,
אַ שעה און מער
און נישט געפונען...

— — — — — — — — — — —

אומהיימלעך איז געוואָרן מיר
דער דרויסן
און דער לויטערער באַגינען...

שווייס און טרערן

האָב ליב די זון,
האָב ליב די לבנה,
פֿאַר די שטערן פֿאַל אויף די קני!
זיי זענען ימען טראָפּנס-שווייס פֿון שווערער מי
ביי אַקעראַייזנס,
האַמערס,
העק און זעגן,
ביים בויען הײַזער,
ביים פֿלאַסטערן די וועגן...

באַזינג די זון,
באַזינג די לבנה,
פֿאַר די שטערן פֿאַל אויף די קני!
זיי זענען ימען טרערן פֿאַרגאָסענע אין גלי —
פֿון מאַמעס,
פֿרויען,
קינדער
פֿאַר אַלע צײַטן פֿון אומגליק און וויי. —

שווייס און טרערן. —
פֿאַל אויף די קני פֿאַר די שטערן!...

☆

עס ברײט דער דרויסן,
די זון איז פון יענער זײט באַרג,
עס חלשט דער אָרום.

פון יענער זײַט ליכט
גײט אויף אַ שטערן.
דער ווינט שווײַגט.

די װעגן לויפן אום
זוכן אַן אָפּרו־אָרט
אין געפּלאָנטער.

שוין קײנער נישטאָ.
דעם אָרום איז פּוסט. —
װער שרײַט?

פאַרלאָשן איז דער הימל,
ער הערט זיך אײַן
און שיט מיט שטערן...

רופן זיך אָפּ די װײַטן
און פאַרשװינדן
אין די טיפֿענישן פון דער פינצטערניש...

18.5.78

אַ גראַם צו האָפּן

זוכסטו אַ גראַם צו האָפּן?
ס'איז דער וועג צו אים נישט שטענדיק אָפּן.
היט זיך פֿאַר אָט יענע וואָס זיי בלאָפֿן,
ווײַל דו ביסט דאָך הויל און בלויז, דערצו — אָן וואָפֿן.

שוין נישט איין מאָל איז דאָס מזל-גליק פֿון דיר אַנטלאָפֿן
גיי און זוך עס ערגעץ-ווו אין די אין-סופֿן.

ווילסטו וואָך זײַן, גייט דאָס מזל שלאָפֿן —
שוין נישט איין מאָל דאָס מיט דיר געטראָפֿן —

ביסטו אין מזרח, איז דאָס גראָד אין צפֿון,
גיי זשע זוך אים און געפֿין דעם גראַם צו „האָפּן". —

גאָט זאָל פֿאַר די רייד נישט שטראָפֿן...

קין

א.

אויסגעשרפעט האָט די זון דעם וואַלד און פעלד.
דאָס גרינצייַג אויסגעמאַטערט. דאָס גראָז פאַרגעלט.
קראָען פליִען אום און שרייַען. —
אַרומגעגאַרטלט מיט זייַן פעל, אַ פאַרשטיינערטער, שטייט קין.
אַ טונקעלער פעלדז מיט מאָך באַוואַקסן,
טראָגט דעם דרויסן דעם פאַרכאַלעשטן אויף זייַנע אַקסלען.
דאָס פנים אָפּגעברענט, די אויגן שטאַרע:
— דער הימל איז אַ רשע, לאָזט נישט צו קיין כמאַרע,
דער הימל פון זייַן קרבן האָט זיך אָפּגעקערט,
באַוויליקט הבלס קרבן, זייַן טשערעדע פאַרמערט,
אָט זיצט ער דאָרט אַ רויִקער אין שאָטן און ער שפּילט
אַ פויגל ערגעץ צווּיטשערט. אַ גריל ווי — ערגעץ גרילט
די שעפעלעך זיי שטייען אַרום אים און הערן —
די קעפּ אַראָפּגעבויגן, געהאָרכזאַם ווי בײַם שערן —
הבלס פייַפל פאַרגייט זיך ווי אַ קינד,
אָט דאַכט זיך גלייַך עס שושקעט זיך דאָס פייַפל מיטן ווינט,
אָט קרעכצט עס ווי אַ קראַנקע שאָף,
אָט ווי די מאַמע חוה ווען זי וויינט אין שלאָף... —
נאָר ער, — אָן אויסגעצערטע פעלדמויז קוקט פון לאָך אַרויס
— מייַן גוטער האַר — רעדט שטיל צו אים די מויז —
נישטאָ פאַר אונדז קיין שפייַז
צעלאָפן זענען זיך די סוסליקעס, די מייַז
אָט ליגט אין געלן, פיבערדיקן גראָז אַ טויטע שוואַלב,
עס מערוקעט טרויעריק אַ הונגעריקער קאַלב.
אַ הונט פאַרריסן האָט דעם קאָפּ און בילט... —

נאָר הבל זיצט אַ רויִקער און שפּילט.
וואָס גייט אים אָן דער צער פון דער ערד,
אירע ווייגעשרייען ניט ער הערט.
אָט שפּילט ער איצט שוין גאָר אַ מונטער ליד
און פילט ניט ווי דער דרויסן בראָט און בריט.
זעט ניט ווי דאָס פעלד איז אויסגעקוילט,
זײַן ברודערס האַרץ ווי אויסגעהוילט...

און קין זעט: ניט ווײַט עס ליגט אַ שווערער שטיין.
ער הייבט אים אויף
און מיט געאײַלטע טריט
ער לאָזט זיך צו זײַן ברודער הבל גיין...

ב.

אויפן בערגל ביי אַ בוים, הבל זיצט און שפּילט.
די בלויע אויגן זיינע — מיט אַ וואָלקנדל פאַרהילט.

די טריקעניש אַרום פולט אָן זיין האַרץ מיט וויי,
ער הערט זיך איין אין דעם אַרום, הערט זיין שטום געשריי.

די שעפּעלעך זיי שטייען אומעטיק און שטום
און שווער איז דאָס געמיט פון היציקן אַרום.

ער זעט: זיין ברודער קין שטייט, די אויגן שטאַר און קאַלט
דער שאָטן פון דער טריקעניש אויף זיין פּנים פאַלט.

פאַרגייט זיך באַלד זיין פייפל ווי אַ קינד,
בלעקערט אומעטיק ווי זיינע שאָף און רינד.

אָט פייפט עס — און ווי דער ווינט — עס בלייבט אַ רגע שטיל.
אָט ווי דער הונט עס טוט אַ יאָמערדיקן ביל...

ער זעט: אין קינס אויגן אַ צאָרן זיך צעגליט.
ער פילט: אַ פייער פרעסט זיין ברודערס לייב און בריט. —

און הבל נעמט אַ שפּיל טאָן גאָר אַן אַנדער ליד,
פאַרטרייבן פון זיין ברודערס האַרץ דאָס בלייענע געמיט.

און הבלם פּײַפּל טוט זיך מונטער אַ צעשפּיל
און טענער גיסן זיך אָט רווישיק און אָט שטיל.

אָט שוועבן זיי און קומען דאַכט זיך פון דער הייך.
אָט ווי אַ שטורעם האַרט, אָט ווי אַ ווינטל ווייך.

אָט דאַכט זיך גלײַך אַ דונער קוילערט זיך און קנאַלט
און אָט — אַ קילער רעגן אַ מהיהדיקער פאַלט...

נאָר פּלוצים האַקט ער אָפּ. ער קוקט זיך אײַן און זעט:
אויף קינם שטערן צייכנט עמעצער מיט בלוט —
אַ שווערן חטא...

ג.

— ווּהין וועסטו קין אַנטלויפֿן פֿון דײַן שווערער זינד?
דאָס בלוט פֿון הבלען דײַן ברודער שרײַען וועט אין דײַנע אויערן!
— אָ, שווײַג, מײַן מוטער חוה, פּײַניק ניט דײַן קינד!
גענוג וואָס איינעם דו האָסט אָנגעווירן...

— ווי אַ שאָטן וועט דיר נאָכגיין הבלם קול,
דײַן געהירן סמען וועלן זײַנע אויגן.
— זע, מאַמע, ווי דער הימל מיט אַמאָל
זיך באַדעקט האָט מיט אַ וואָלקן און אַ רעגנבויגן!...

— איצט וועסטו זײַן, מײַן זון, אַליין און נע ונד,
און אויף דײַן שטערן וועט דער צייכן אייביק שרײַען?...
— מיין זינד, איך וויים, האָט מיר פֿאַרגעבן גאָט,
ווי אויך די זינד פֿון אַלע קומענדיקע קינס...

שמשון און דלילה

שמשון הלך אחרי עיניו לפיכך נקרו
הפלישתים את עיניו.

(סוטה ט׳ ע״ב)

א.

געלאָקט האָט דיך די פרעמדע פרוי אין בעט, —
איר פאַלשער קוש, פאַררעטערישער גלעט
אַרײַנגעשטויסן דיך אין טיפן הינערפלעט...

אַז דלילה איז אַ שונא — נישט געוווּסט,
צעטרענצלט דײַנע כוחות האָסט אויף פּוסט,
האָט אַ שלאַנג זיך טיף אַרײַנגעביסן אין דײַן ברוסט.

ווי אַ קינד מיט נאַשערײַען דיך פאַרנאַרט
האָסט נישט געזען ווי הינטער טיר דער שונא וואַרט
און שטרענג וועט זײַן דער פסק און האַרט...

ב.

איך זע דיך מיט דײַנע אויסגעשטאָכענע אויגן,
דײַן קראַפט איז פון דײַן גוף אַוועקגעפלויגן,
דײַנע הענט — ווי פּײַלן אויף אַ נאָכגעלאָזטן בויגן. —
דלילה קוקט דורכן פענצטער און לאַכט...

מע טרײַבט דיך אַ געפּענטעטן אין קייטן,
די פּלישתּים מיטן ליאַרם און חוזק דיך באַגלייטן,
עס יובלען מיט בייזווונדער די פֿײַנטלעכע טראָמפּייטן. —
דלילה קוקט דורכן פענצטער און לאַכט...

פאַר אַ מילנער דיך געשטעלט די מילשטיינער צו דרייען. —
שטייסטו מיט דײַן גרויסער שאַנד אין צווייען
און שטיל און טיף אין זיך דערשטיקט איר די געשרייען. —
דלילה קוקט דורכן פענצטער און לאַכט...

דיר באַפוילן בײַ זייער טעמפּל דעם עולם צו פאַרווײַלן,
די געלעכטערס לעכערן דײַן האַרץ ווי פאַרסמטע פײַלן,
האָסטו אַרומגענומען פונעם טעמפּל די מיטלסטע צוויי זײַלן. —
דלילה צווישן דײַנע שונאים שטייט און לאַכט...

איר געלעכטער האָסט געהערט, כאָטש נישט געזען איר פּנים.
האָסט דערפילט: זי איז מיט זיי, מיט דײַנע ווילדע שונאים
וואָס אויף דײַן ווײַסטער שמחה די ערשטע מחותנים —
און דלילה צווישן זיי שטייט און לאַכט...

אויפגעהערט עס האָט דײַן האַרץ מיט דיר זיך קריגן. —
„תמות נפשי עם פּלישתּים“ — האָט דאָס האַרץ דײַנס
אויסגעשריגן —
און ס'איז געשען. דער שענסטער זיג פון אַלע דײַנע זיגן...
די מײַלער פון די שונאים דײַנע האָסטו צוגעמאַכט...

1973

אליעזר שטיינבאַרג

ס'איז נאַכט.
אַ שווערע נאַכט ווי בלײַ.
עס קלינגט דער זייגער דרײַ,
און אַז דיך נעמט קיין שלאָף נישט
האָט די נאַכט קיין סוף נישט...
הער איך אײַן זיך, די אויגן צוגעמאַכט
און מיר דאַכט
אַ שווער גערויש איך הער
און עס קומען גלײַך צו פליִען
פייגל,
חיות,
בוים,
און שטיין.
פון שטיינבאַרגס וווּנדערלעכע משלים.
פאַרנייגן זיך,
גיבן אָפּ מיר שלום,
ווי אַלטע גוטע פרײַנד. —

אָט איז דאָס פייגעלע — פון יענע צוויי —
אין וועמענס זכות,
קומט זי די ישועה
און זי קומען מוז...

דאָס שוועבעלע — וואָס האָט געפילט זיך
גליקלעך אומגעהײַער,
ווײַל אַ רגע האָט גענומען און געגעבן פײַער...

די רויז —
וואָס אויב נישט ווײַסן פון קיין טוי
און הייסע בליקן,
איז שטאַרבן און כאָטש איין מאָל
מיט אַ טראָפּן טוי זיך קוויקן...

די כמאַרע —
וואָס אַראָפּ זי מוז זיך קערן,
ווײַל אַ האַרץ זי האָט
מיט בליץ,
מיט דונער
און מיט טרערן...

און איבער אַלעמען און צווישן זיי
דער פּאָטער און באַשעפער,
וואָס האָט דער וועלט געגעבן שמעקן פעפער,
דעם לעצטן טראָפּן נישט געקאַרגט
און געוואַרעמט,
און געקרעפטיקט,
און געשטאַרקט...

27.3.1957

וווּ איז די קוקאַווקע...

א בלימל אויפן אומבאַקאַנטן קבר
פון דעם דיכטער־קדוש דוד האָפשטיין

וווּ איז די קוקאַווקע פון אירפּענער וואַלד
מיט איר נאַיוון קוקו־קלאַנג
וואָס געזאָגט אָן אויפהער: ביסט ניט אַלט,
וועסט נאָך לעבן זייער לאַנג!...

אַז אריכת ימים טיילט מען מילד דאָ הי —
נאָר קיצור ימים איז געווען דער פּסק פון רויטן רשע.
ס'האָט אים געקרענקט דײַן ייִדיש קלינגעוודיקע ליד,
נישט פאַרטראָגן האָט ער דײַן ייִדיש־זינגעוודיקן לשון.

האָט דער ווונטש פון דער קוקאַווקע דעם רויטן שד פאַרדראָסן —
ווײַל שוין געחתמעט האָט דעם גזר דער רויטער שד. —
האָט מען די קוקאַווקע אַוודאי אויך צעשאָסן
פאַר איר גינען גוטס און לאַנגע יאָר אַ ייִדישן פּאָעט...

3.4.1978

אין שפּיגל

איך האָב אין שפּיגל הײַנט דערזען מײַן וועלט,
אין שפּיגל זעט זי אויס פיל שענער.
די שײַן נאָר איז אַ קאַפּל דאָרט פאַרשטעלט
און טויב־שטומע זענען דאָרט די טענער.

איך קוק זיך אײַן און זע דאָרט מײַן געזיכט
די קנייטשן אַרום מויל, אַרום די אויגן.
איך זוך אין אים, געפינען וויל איך מײַן געדיכט.
קיין סימן נישט. ס׳איז ערגעץ ווו פאַרפלויגן.

עס פעלט דאָרט אָטעם, וואַרעמקייט עס פעלט.
נישטאָ קיין לעבן אינעם שפּיגל. —
עס דאַכט זיך עס ווייעט שטיל אַ קעלט,
די פרייד פאַרזיגלט און פאַריגלט.

הענג איך אויף צוריק אים אויף דער וואַנט —
אָפּגעהאַקטע פליגל, זע איך, פאָכן —
פאַלט ער באַלד אַרויס מיר פון מײַן האַנט
און די וועלט אין אים אויף שפּליטערס ווערט צעבראָכן...

לאָזט מיך

לאָזט מיך, אײַ, איך בעט אײַך, לאָזט מיך!
קלוג איר ווערט נאָך דעם וואָס איך געוואָרן בין צום נאַר.
די אַלע מעשיות אײַערע קען איך און עס קאָסט מיך,
איך האָב גענוג און איבער שוין באַצאָלט דערפאַר.

איצט קומט איר און איר גיט מיר עצות. —
מוחל אײַך און גייט געזונטערהייט.
איך וועל אַליין דאָס אויסטראָגן אויף מײַנע פּלייצעס
און באַפרײַט מיך פון די אַלע איבער־קלוגע רייד...

אפשר בין איך יאָ גערעכט און אפשר ניין —
איך גיי מײַן וועג מיר ווי מײַן גורל זאָגט מיר אונטער.
איך לויף, איך רעש און בלײַב אַ רגע שטיין
אָט דאָרט — ווו ס'איז מיר דאַכט — דאָס לעבן מונטער.

און אויב עס לאָזט זיך אוים פון דעם אַ טײַך,
דעם שולדיקן אין דעם איך וויל געפינען.
איך זוך אים און געפין אים גלײַך:
דאָס איז דאָך ער, מײַן שלימזל, וואָס איז אַראָפּ פון זינען.

ער גייט מיר נאָך,כיכיקעט, שטעלט אַרוים די צונג,
ווער וועמען, וויל ער זיך מיט מיר פאַרוועטן.
געפינען מיך, דעם ווילן און דעם בראַוון יונג,
אַז אָפּקומען איך זאָל פאַר פרעמדע און פאַר אייגענע על־חטאָן...

איז — לאָזט מיך, אײַ, איך בעט אײַך לאָזט מיך!
קלוג איר ווערט נאָך דעם וואָס איך געוואָרן בין צום נאַר.
די אַלע מעשיות אײַערע קען איך און עס קאָסט מיך,
איך האָב גענוג און איבער שוין באַצאָלט דערפאַר...

לידער מיט אַ מאָראַל (א׳)

א.

אויף אַלע וועגן־שטעגן זיי קומען אונדז אַנטקעגן.
פון וואַנען דאָס געדרעטעניש? זאָלט איר גאָרנישט פרעגן. —
„נאַראָנים גליַיך ווי קראָפּעווע וואַקסן אָן אַ רעגן״...

ב.

באַדאַרפט אַ נײַעם פּאַס, געקויפט אַן אַלטן עמער. —
זינגען אַלט און יונג דעם לאַנג באַקאַנטן זמר,
„ווען קויפן גייט אַ נאַר — פרייען זיך די קרעמער״...

ג.

ווער איז ער? איין גרויסער „תיקו״. —
דאָס ווייסט ער גוט און מאָנט זײַן מקח:
„רוף מיך נאַר און גיב מיר לעקעך!״...

ד.

דער עיקר איז דאָך מזל און זאָגט מיר וואָס איר ווילט.
הגם עס רעדט אַ טיפּש, נאָר טרעפט ווּהין ער צילט. —
„איז וואָס זשע טויג די חכמה, אַז די טיפּשות גילט!״...

ה.

שוין ביַים אָנהייב פון איַיער אַרבעט באַלד געפינט ער גריַיזן.
הערן אים דערוויַיזן זיי דאַרף מען זיַין פון אײַזן. —
פאַר אַ נאַר אַ האַלבע אַרבעט טאָר מען דאָך נישט וויַיזן״...

ו.

נעם דיר מיַין עצה און ברכה צו שטר:
היט זיך פאַר אים! וועסט מיר דאַנקען דערפאַר. —
אַ נאַר איז אַן אייביקער צער״...

ז.

ריכטיק איז דאָס שפּריכוואָרט און גייט פון דור צו דור,
וואָרנט דיך און לערנט דײַטלעך, גוט און קלאָר:
„ווילסטו זײַן אַ קלוגער, באַנאַרישסטו זיך גאָר"...

ח.

געדענק און שטענדיק האָב דאָס גלײַכע וואָרט אין זינען,
פאַרבינד זיך נישט מיט אים און מעגסט אים דאָס געווינס פאַרגינען:
„גלײַכער מיט אַ קלוגן צו פאַרלירן איידער מיט אַ נאַר צו געווינען".

ט.

זײַן גאַנצע גרויסע פרײַנדשאַפט האָט די ווערט אַ גרוש.
אַז ער האָט נישט פאַר קיין פרײַנדשאַפט נישט דעם מינדסטן חוש.
„איז בעסער פון אַ קלוגן אויך אַ פּאַטש, ווי פון אַ נאַר אַ קוש"...

י.

זעט נאַר ווי ער שפּאַנט דאָרט אַזוי בראַוווע ווי אַ פּאַווע,
ס'איז זײַן יעדער שפּאַן און ריר לעכערלעך־טשיקאַווע. —
„ס'איז דער נאַר פון שטענדיק און ביז שטענדיק אַ בעל־גאווה"...

יא.

עס איז ממש אַ געלעכטער וואָס ער האָט פאַרטראַכט:
פון נאַראָנים כל המינים לידער גאָר געמאַכט. —
„אָ, וואָלט געווען דער נאַר נישט מײַנער, וואָלט איך אויך געלאַכט"...

לידער מיט אַ מאָראַל (ב׳)

א.

רכילות טרײַבן — ווייסט איר דאָך — איז אַ גרויסע זינד.
דער רכילות-טרײַבער געטרײַ דעם שטן דינט. —
אַזוינעם איז כּדאַי צו וואַרפן פאַר די הינט...

ב.

ער רעדט, פאַררעדט, באַרעדט — ביז דו האָסט פאַרשטאַנען,
ער וויל דו זאָלסט נאָך זײַן רכילות-וואָגן שפּאַנען: —
אַז אַלע שרײַבער — חוץ אים מיט דיר — זענען גראַפאָמאַנען...

ג.

אָן אַ רכילותל, אַ לשון-הרעלע אים עס לעבט זיך נישט.
עפּעס וויל ער, עפּעס וועבט ער נאָר עס וועבט זיך נישט. —
ווײַל צו דיר, מײַן גוטער פרײַנד, אַ שלעכטער זאָג עס קלעפּט
זיך נישט.

ד.

וואָס דו זאָלסט נישט ווײַזן אים, איז בײַ אים קיין סחורה ניט,
וואָס דו זאָלסט נישט לערנען אים, איז בײַ אים קיין תּורה ניט. —
ער שאַרפט די צונג און זאָגט דיר: האָב קיין מורא ניט!...

ה.

ווײַט אַרום זײַן נאָמען קלינגט, ווײַט אַרום זײַן שם איז.
באַרעדט ער נישט, איז — ווי נישט איז — גיט ער כאָטש אַ רמז.
און מע גלייבט, כאָטש אין רכילות איז נישטאָ קיין אמת...

ו.

רכילותלעך אין פאָרם פון ליצנות איז זײַן געניק.
צו פאַנגען עמעצן ער שטעלט אַרויס זײַן נעץ. —
איז זאָגט מיר, פעטערל, ווער זײַט איר? — אַ ליץ צי אַ פאָדליעץ?...

ז.

כאָטש עס איז דאָס לעבן אָפט אַ פלאָנטער פון פאַרדראָסן,
געדענק און האָב אין זינען די מאָס פון אַלע מאָסן:
באַליידיקסטו דעם חבר דײַנעם האָסטו בלוט פאַרגאָסן...

ח.

גלויב נישט ווען דו זעסט אַז איינער טויג,
גלויב נישט זײַן פאַרנויג, זײַן קלאַפּן אין דער פויק. —
„דאָס האַרץ זעט בעסער פונעם אויג"...

ט.

הער נישט אײַן זיך אין די פוסטע רייד פון יצר הרע
פאַרנעם מיט האַרץ און קאָפּ אָט די דבורים קלאָרע:
„כדי נישט אָנווערן קיין פרײַנד, מוז מען אײַנגיין אויף אַ פשרה"...

י.

אויב נישט דיר און אויך נישט מיר, איז אַן אַנדערן געהערט עס,
אַז ווייל איז דעם וועמען אַט דאָס גליק באַשערט איז. —
„דער צופאַל איז גוטוויליק נאָר צו דעם וואָס ווערט איז"...

יא.

ווייל איז דעם וואָס אַלצדינג נעמט ער אָן באהבה,
וואָס די תאווה איז ביי אים נישט מער ווי אַ זאַבאַווע,
וואָס גוטמוטיק איז זיין האַרץ און ווייסט נישט פון קיין גאווה...

יב.

דאָס לעבן איז אַ ים, דער טויט — זיין ברעג איז,
און אויסגעכוואַליעט איז דער ים און מיט געפאַר דער וועג איז, —
און „פליכטן האָט דער מענטש פיל מער ווי פריווילעגיעס"...

יג.

פריינדשאַפט גיט דיר פרייד און מוט, פריינדשאַפט גיט דיר פליגל.
ס'איז דער טויער פון האַרץ צו האַרץ אָן אַ שלאָס און ריגל —
ווייל דער פריינד ער איז דיין „זיין", ער איז דיין שפיגל...

יד.

ס'איז דאָס שפריכוואָרט אָפט אַ גלעט און אָפט אַ שפיז.
קען אַ יעדער אַט דאָס שפריכוואָרט אויף געווויס:
„אַ פריינד — ער קוקט אין פנים דיר, אַ שונא — אויף די פיס"...

די אײַביקע שפּיל

פון דײַנע שמייכלען

פון דײַנע שמייכלען
פאַרכליניען זיך די בלומען מיט ליכט
טרײַב אַוועק דאָס וואָלקנדל פון דײַן געזיכט,
עס זאָלן די בלומען ניט פאַרוויאַנעט ווערן.

פון דײַנע שמייכלען
האָבן אַלע זיבן הימלען זיך צעבלענדט —
פאַרברעך ניט אין קלאָג דײַנע הענט,
עס זאָלן די הימלען ניט אָנטאָן זיך אין שוואַרצן.

פון דײַנע שמייכלען
האָט מײַן האַרץ געקלאַפּט ווי אַ פאַרליבטע פויק —
וויש אָפּ די טרער פון דײַן אויג,
עס זאָל מײַן האַרץ ניט אויפהערן צו קלאַפּן...

וואָס דו זאָלסט נישט רעדן

טאַנגאָ

וואָס דו זאָלסט נישט רעדן,
ווערט מיר לײַכט און גוט.
לידער פון גן־עדן
זינגען אין מײַן בלוט.

בײַ די האָריזאָנטן
איז דער הימל ראָז, —
אין מײַן האַרץ איז יום־טוב
פיל איך אָן מײַן כוס.

שפילן אין אים פלאַמען —
איז דאָס טרוים צי וואָר?
ווי אַמאָל מײַן מאַמע,
גלעטסטו מײַנע האָר.

וויל איך זיך צעוויינען,
פון אַזויפיל פרייד,
און פאַרשטיין די מיינען,
פון די אַלע רייד,

וואָס דו האָסט פאַרשוויגן
ווי אַ גרויסע טרער. —
חלום פון מײַן ניגון,
תפילה און באַגער...

1970

קום, מײַן געליבטע

קום, מײַן געליבטע, איך װעל דיר באַװײַזן
כאָטש איך בין שװאַך, בין איך שטאַרקער
פֿון אײַזן.

ס׳איז דער שלימזל דעם װעג מיר פֿאַרלאָפֿן,
נאָר נישט פֿאַרמינערט געװאָרן מײַן האָפֿן.

חדשים און יאָרן צעשײדטע, אָן פֿרײדן,
זײַן אין גיהנום דאָך זען דעם גן־עדן.

אױסגעשטעלט שטענדיק צו פֿאַלן אַרונטער,
בלײַב איך צו להכעיס די פֿײַנד מײַנע מונטער.

און װײסטו פֿאַרװאָס איך בין שטאַרקער פֿון אײַזן?
קום, מײַן געליבטע, איך װעל דיר באַװײַזן...

רוף מיך נישט מער

רוף מיך נישט מער,
אַליין וועל איך קומען.
כאָטש בלוטיק און שווער
איז די זאַלץ פֿון דער טרער,
וואָס ליגט אויף מײַן גומען.

די זון איז שוין מיד
און האַלט בײַם פֿאַרגיין.
נאָר פֿריש איז מײַן ליד
פֿון דײַן לויטער געמיט,
פֿון דײַן זיבעטן חן.

מײַן האַרץ איז נאָך קלאָר,
און ריין דאָס געפֿיל —
פֿון טרוים און פֿון וואָר
די אייביקע שפּיל...

די צײַט לויפט

די צײַט לויפט
גלײַך עס טרײַבט זי דער נישט-גוטער
פון „נישט-ווערן”...

ווען איך זע די קנייטשן אויף דײַן שטערן,
ווערט מײַן האַרץ צעהושט
ווי אַ קאַליע סעמאַפאָר.

נעם איך דיר אַ וויץ דערציילן
דו זאָלסט לאַכן —
וויינסטו גאָר...

— — — — — — — — — —

דערקען איך אויף דײַן פּנים שטריכן מיידלשע
אַ פּאָר,
דערזע איך אין די אויגן דײַנע
אַן אָפּגלאַנץ נאָר
פון יענע יוגנט-חנן,
פון יענע יוגנט-מיינען.
וויל איך צוטוליען צו זיך דײַן בליק
דעם קלוגן, קלאָרן,
נישט טראַכטן וואָס ס'איז פון אונדז געוואָרן,
און לאַכן ווי אַמאָל —
אין יענע יאָרן...

האָסט פֿאַרשטעלט זיך

האָסט פֿאַרשטעלט זיך פֿאַר אַ וואָלקנדל
אַ בלויען,
האָט אַ ווינט פֿאַרטראָגן דיך אויף ווײַטע וועגן.
שיקסטו איבער מיר דײַנע שורה־גרוסן
מיט די טויען,
און בריוועלעך דו שרײַבסט מיר אויף די שויבן
מיטן רעגן.

לייען איך דײַן געשריפֿט אַ טראָפּן
נאָך אַ טראָפּן,
באַמי זיך זיי צונויפֿזאַמלען אין קוואַלן —
סע זאָלן שטיינער זיי דאָס פֿליסבעט נישט פֿאַרשטאָפּן,
קײַקלען זיך די טראָפּנדלעך און פֿאַלן.

נאָר אין אָוונט ווען עס וויאַנען אינעם טאָל
די שטערן,
וואָס מיר האָבן דאָרט פֿאַרפּלאָנצט אַנומלט,
פֿאַלן פֿון די שויבן דײַנע טרערן,
און די ווענט אין אונדזער צימער
גייען אום צעטומלט...

האָסט ווידער

האָסט ווידער, פרײַנד מײַנער, דײַן פּנים
אָפּגעקערט,
און ווידער קומען וועלף צו מיר אין חלום.
זײַ גוט צו מיר,
אַפילו כ׳בין נישט ווערט —
און באַשירעם מיך
פון בייזע שלעק און מנוּוולים!...

פון יעדן מינדסטן רוגז,
ווערט ווייניקער די פרײַנדשאַפט מיט אַ טראָפּן.
ס׳האָט דער אומרו — ווי אַ שטיין
געלייגט זיך מיר צוקאָפּנס
און לאָזט נישט שלאָפן...

זע!
דער מולד איז אויפגעגאַנגען רויט
און שווער...
אונדזערע שאָטנס וואָס האָבן זיך צעשיידט,
געפינען זיך נישט מער...

פאַר וואָס

פאַר וואָס ציטערט אַזוי דער שטערן
ביים טונקלען ראַנד פון וואַלד?
פאַר וואָס ווען איך גאַר זאָלסט מיך הערן,
ביסטו פרעמד, פאַרשטעלט און קאַלט?

פאַר וואָס לאָזט די קוקאַווקע איבער
אירע אייעלעך אין אַ פרעמדער נעסט?
פאַר וואָס פונעם אומרו, דער פיבער,
מאַטערט אוים און פרעסט?

פאַר וואָס אַזוי פיל שונאים
און אַזוי ווייניק פריינד?
פאַר וואָס פינצטערט מיר דאָס פנים,
ווען דיינס צו אַ צווייטן שיינט?

פאַר וואָס איז די וועלט צעריסן —
דו הערסט ווי דאָס האַרץ אירם שרייט? —
און דו, מיין בלוי געוויסן,
ביסט נאָענט אַזוי און ווייט...

פאַר אַ פרײַנד

פאַר אַ פרײַנד איך האָב געלייענט
מײַנע לידער —
ער איז געזעסן דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן
און אַ מידער.
אין פענצטער האָט אַרײַנגעקוקט אַ רעגנדיקער הימל,
געדאַכט זיך, איך זע אַ טרער אין זײַנע אויגן —
ער האָט געדרימלט...

דו האָסט געבעטן: לייען!
איך האָב געלייענט.
אין פענצטער האָט אַרײַנגעקוקט דער רעגנבויגן,
דו ביסט געזעסן שטיל,
דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן.
איך האָב געמיינט דו דרימלסט —
דו האָסט געוויינט...

זאַלבונג

סע שפּראָצן פון ערד שוין די זאָמען,
די לופט איז בלוי און צאַרט.
איך רוף דיך אָן ביי דײַן נאָמען,
איך זוך דיך אַרום און וואַרט.

די שטראַלן מײַן פענצטער פאַרפלייצן,
דאָס פענצטער — פאַרהאָנגען מיט זון.
איך קאָן מיר נישט געבן קיין עצה,
וואָס זאָל איך אָנהייבן טון.

עס קערן זיך אום שוין די שוואַלבן,
דאָס לעבן — אין פולן גאַנג.
קום און איך וועל דיך זאַלבן
פאַר מײַן איינציקן בעסטן געזאַנג...

גיי נישט אַוועק

טאַניען

גיי נישט אַוועק כאָטש ס׳איז שפּעט,
און צײַט איז צו לייגן זיך שלאָפֿן.
מיט דײַן האַנט מײַנע קנייטשן פֿאַרגלעט,
מיט דײַן אָטעם — באַלעב מײַנע סטראָפֿן.

רײַס מיך אַרויס פֿונעם קלעם,
פֿאַרוועב מיך מיט האָפֿן און גלויבן.
זאָל דער טראָפּן טינט אויף מײַן פּען
מײַן ליד צו דעם הימל דערהויבן.

אַזוי אָט באַפֿרײַטע פֿון זינד,
מיר טוליען זיך ביידע צוזאַמען.
דו — ווי אַ מאַמע צום קינד,
איך — ווי אַ קינד צו דער מאַמען.

פֿאַרהויבסטו באַצויבערט אַ ברעם,
די אויגן — ווי שטילינקע טויבן.
ווער איך באַפֿרײַט פֿון מײַן קלעם,
און מײַן ליד — צו דעם הימל דערהויבן...

עס גאַרט און בענקט

ער גאַרט און בענקט דער הימל צו דער ערד,
עס בענקט און גאַרט די ערד צום הימל.
כ'האָב היינט דיין שטים ווי אַ געזאַנג דערהערט,
פאַרשמעקט האָט ווידער מיר דיין לייב ווי קימל.

געזוכט דיך ווידער אין פוסט-און-פּאַסיקן אַרום,
געזוכט, נאָר נישט געקענט געפינען.
עס ליגט דער הימל קאַלט און ווייט און שטום,
די ערד גייט שטיל אַראָפּ פון זינען...

דעם טאָג גייט אויס דאָס חיות נאָך דער נאַכט,
די נאַכט ווערט אין איר בענקעניש אַלץ בלייכער.
די זון, זי קוילערט זיך ווי נאָך אַ שלאַכט,
די שטערן גייען אויס אין זייערע הייכן.

ווי גרויס עס איז מיין גאַרעניש צו אַלץ,
ווי צוגערירט האָסט דיינע הענט די צאַרטע.
עס וואַרט אויף זיי מיין טיש מיט ברויט און זאַלץ,
מיין צימער וואַרט און קען זיך נישט דערוואַרטן...

אונדזער גוטער עפּלבוים

דער עפּלבוים וואָס בליט,
באַשיט אונדז מיט זײַן צווײַט —
אונדזער גוטער עפּלבוים.

ער בייגט זיך אַראָפּ און הערט זיך אײַן,
טריפט זײַן זאַפט אין אונדז אַרײַן —
אונדזער גוטער עפּלבוים.

ער שטייט און וואַכט איבער אונדז און היט,
מיר זאָלן נישט ווערן צומאָל זאַלבעדריט —
אונדזער גוטער עפּלבוים.

ער האָט ליב אונדז צו זען אין דער פּאָר,
זאַלבעצוויי —
איז לאָמיר, חלילה, נישט אָנטאָן קיין ווײ
אונדזער גוטן עפּלבוים.

פאַרוואָס איז פאַרוויאַנעט

פאַר וואָס איז פאַרוויאַנעט געוואָרן די רויז?
די ליבע האָט אָנגעפילט מיט זאַפט
איר שוים,
נאָר די ליידנשאַפט האָט זי אויסגעזויגן
און די בענקשאַפט —
איר צוגעמאַכט די אויגן...

טויזנט מײַל

טויזנט מײַל מאַכט אַדורך די כוואַליע
אַ קוש צו טאָן דעם ברעג,
אַ וואָרט מיט אים צו ריידן...

און אַז דו פאָרסט אַוועק,
אוי, אַז דו פאָרסט אַוועק,
ווי וועט אויסהאַלטן מײַן הארץ
זײַן מיט דיר צעשיידן...

נישט די אָפּגעפּרעמדקייט

נישט די אָפּגעפּרעמדקייט דײַנע שרעקט מיך,
נאָר דײַן שווײַגן,
זײַן פאַרהוילענער באַטײַט —
ער רוישט אין מײַנע אויערן,
שרײַט,
גלײַך דאָ נישט ווײַט
פאַלן שווערע שטיינער פון אַ באַרג
אַראָפּ
אין טײַך.

וואָלט איך אויף דײַן וואָרט

וואָלט איך אויף דײַן וואָרט געוואָלט דיר גלייבן —
קומען מיר צו חלום לעמפּערטן און לייבן.

וואָלט איך דיך געטוליעט פעסטער צו מײַן האַרצן —
לויפט דעם וועג מיר איבער גראָד אַ קאַץ, אַ שוואַרצע.

לויף איך דיך אַרומזוכן אויף נײַן און נײַנציק וועגן —
נאָר מיט עמערס ליידיקע קומט מען מיר אַנטקעגן.

הער איך אָבער אײַן זיך אין דײַן קול דעם ווייכן —
הער איך אויף צו גלייבן אין די שלעכטע צייכנס...

פאַרנאַכט־צו

פאַרנאַכט־צו
זעט אויס דער הימל אומעטיק און צאַרט,
און שײַנט ווי דײַנע אויגן די אויסגעוואַשענע
פון טרערן.
איך קאָן מיר נישט דערקלערן,
וואָס אין דער נאָענט,
מיר פילן גלײַך מיר שטייען
אין אַ זײַט,
ווי געקומען פון דער ווײַט...

זאָל דאָס גאָר זײַן די סיבה,
וואָס די בענקשאַפט, אָפט,
איז גרעסער פון דער ליבע?...

דער נוסנבוים

דער נוסנבוים האָט שוין אַלע ניס פאַרשפּילט —
איצט שטייט ער
אַ צעשויבערטער,
אַ גוטמוטיקער
און שמייכלט אַראָפּ צו די קינדער...

איך האָב אַלע מײַנע ליבעס שוין אויסגעשפּילט —
איצט שטיי איך
אַ פאַרלוירענער,
וואַרט אויף אַ נס
און שרײַ אַרויף צו די שטערן...

דײַן פרײַנדשאַפט

דײַן פרײַנדשאַפט איז מײַן אָנהאַלט,
ווי בײַ אַ בלינדן מאַן זײַן שטעקן.
זי זיכערט מיר מײַן טראָט
בײַ יעדן װענד און קער.

אָן איר בין איך אַ גר
אין אַ פרעמדער שטאָט.

איך זע דיך נישט,
דײַן קול איך הער
און גיי דיר נאָך בלינדערהייט
מיט זיכערקייט און פרייד,
ווי אַ קינד גייט נאָך דער מאַמען...

דו זאָגסט מיר...

דו זאָגסט מיר ניין, זאָל זײַן אַזוי, מײַן שטערן!
נאָר לאָז דעם קערן
פון די לויטערסטע באַגערן
פאַרוואַנדלען זיך אין „ווערן".

דו זאָגסט מיר יאָ, אַוודאי יאָ, מײַן לעבן!
נאָר לאָז דאָס שטרעבן
פון מײַן שטראַליק שוועבן
אין דיר פאַרוועבן.

שוין זיבן מאָל

שוין זיבן מאָל געווען בײַ דיר —
דיך נישט געטראָפֿן,
נאָר ווייס:
צום אַכטן מאָל וועל איך נישט קומען.

אַ גאַנצן טאָג אַרומגעלאָפֿן,
אַרומגעזוכט פֿאַר דײַנעטוועגן בלומען.
ווי טראַגיש־זיס עס איז מײַן ראָל!

כ׳וועל פּרוּוון גיין צו דיר
צום אַכטן מאָל...

דו וווּנדערסט זיך

דו וווּנדערסט זיך פֿאַר וואָס איך ציטער —
פֿאַר וואָס זאָל איך נישט ציטערן!
די גוטע „פּילן״ וואָס איך שלינג,
דאָס לעבן מיר פֿאַרביטערן.
נישטאָ שוין יענער כּח, יענער מוט
בײַצושטיין געוויטערן,
ווי דעמאָלט,
ווען געזונגען האָט אין מיר מײַן בלוט.
און דו, מײַן פֿרײַנד, מײַן ריטערן,
געווען דו ביסט מײַן היטערן...

דאָס האָב איך דיך גערופן

דאָס האָב איך דיך גערופן, מײַן פרײַנד.
נאָר דאָס ווידערקול האָט דיך פאַרפירט
און דערוווײַטערט פון מיר...

נאָר אפשר איז אַ בלענדעניש געווען
און אויסגעקוקט אומזיסט עס האָט מײַן פענצטער
זײַנע אויגן.

אפשר איז מײַן אומרו אומזיסט אַרומגעפלויגן
און נישט דאָס ווידערקול האָט דיך פאַרפירט...

דו זעסט

דו זעסט דאָרט דעם בוים,
ווי ער שטייט בײַם טײַכל פאַרקלערט?

ס׳איז דאָך אונדזער בוים.

דו זעסט דאָרט דעם זוים,
ווי ער ליגט צווישן הימל און ערד?

ס׳איז דאָך אונדזער זוים.

דו זעסט דאָרט דעם טרוים,
ווי ער גייט אונדז אַנטקעגן און ווערט?

ס׳איז דאָך אונדזער טרוים.

דו זעסט נישט —
עס זענען בײַ דיר די אויגן פאַרטרערט,
פאַרשטעלט מיט אַ צוים...

1960

סוף זומער

אין דעם אַוויר פֿליען אום שפּינגעוועבן,
זײַדענע און ווײַסע.
אַן אָנזאָג נאָך אויף לויטערע באַזונטע טעג.
אַ צייכן — נישט פֿאַרענדיקט נאָך
די וווּנדער־מעשה,
ביז איר סוף פֿאַראַן נאָך
אַ מהלך־וועג...

נישט מער, עס זענען ריסן שוין פֿאַראַן אַ פּאָר
אין סוף זומערדיקן דרויסן,
און אפשר ווייסט דער הימל בלויז
וואָס זיי זענען אויסן...

פֿאַרצירעווע, מיין פֿרײַנד, מיט זונפֿעדעם
די ריסן,
איך זאָל פֿון מײַנע סוף־זומערטעג
געניסן...

נעם נישט אַראָפּ פון מיר

נעם נישט אַראָפּ פון מיר דײַנע אויגן,
געוואָרט אויף דײַן קומען פון בראשית אָן. —
איצט איז מײַן לעבן און גורל אין קאָן. —
נעם נישט אַראָפּ פון מיר דײַנע אויגן!

זאָג מיר אַ וואָרט אַזאַ איך זאָל גלייבן
ווי מיין מאַמעס אַ טרער ערלעך און ריין. —
דאָס אײַז אין מײַן האַרצן זאָל זיך צעגיין. —
זאָג מיר אַ וואָרט אַזאַ איך זאָל גלייבן.

גוט איז מיר וואָס פּאָרט דיך געפינען,
אַרומגעזוכט דיך אַ לעבן לאַנג. —
כאָטש עס זינגט שוין מײַן האַרץ דאָס לעצטע געזאַנג. —
איז גוט מיר וואָס פּאָרט דיך געפינען...

*

ווּ וועלן זיך ענדיקן מײַנע לעצטע שעהען? —
אויסשעפּן כ׳וואָלט וועלן מײַנע טיפסטע דנאָען
שמייכלען צו דיר, צו דער וועלט
און אַוועקגיין באַהעלט און באַזעלט.

זאָלסט מיר זאָגן אַ וואָרט און אַ קאַפּעלע וויינען,
מיר מוחל זײַן מײַנע פאַרעקשנטע ניינען. —
נישט שטענדיק האָב איך געמיינט וואָס געזאָגט,
נאָר שטענדיק האָט עפּעס מײַן זאָגן פאַרמאָגט...

פאַרטרײַב פון מײַן טײַכל די פינצטערע קראָען,
פאַרוואַנדל די ניינען דײַנע אין יאָען.
דײַן האַנט אויף מײַן אַקסל, דײַן קאָפּ אויף מײַן ברוסט,
כאָטש די ערד איז פאַרוויסט, נאָר דער הימל נישט פּוסט...

און זע איך דו וויינסט, האָסטו יאָ מיך פאַרשטאַנען. —
ווערן די קראָען פאַרוואַנדלט אין שוואַנען.
שמייכלט מײַן האַרץ באַהעלט און באַזעלט,
און וויל נישט אַוועקגיין פון דיר, פון מײַן וועלט...

1972

אין טויזנט פייערן

מײַן הײם

צװישן טװיזנטער װעגן דער אײנציקער װעג
געפירט האָט צו דיר —
מײַן אײנציקע הײם.
איך בין דײַן לײם,
דער דינסטער פּאָדעם אין דײַן שורש,
קנעט אױס פון מיר אַ גולם,
גיב אַרײַן אין מײַן מױל דעם שם המפורש
און באַפעל מיר
די גרענעצן דײַנע צו באַהיטן,
ס׳זאָל דער שונא נישט האָבן איבער זײ קײן שליטה,
דער שונא װאָס װיל דיך פאַרניכטן
און צושרײַבן נאָך אַ פּאָר בלוטיקע בלעטלעך
אין דײַן געשיכטע...

1973

אין טויזנט פײַערן

פאַר וואָס האָט זי מורא פאַר דיר די וועלט?
פאַר וואָס איז די שינאה צו דיר אַזוי גרויס?
ווײַל האָסט דעם וועג צום אומרעכט פאַרשטעלט?
ווײַל פון דעם שפּאַרבערס נעגל באַשיצן ווילסט די טויבן?
ווײַל פון קנעכטשאַפט צעריסן האָסט די קייטן? —
„לא תרצח!" — און זי וויל טויטן.
„לא תגנוב-" — און זי וויל רויבן.
פאַר דײַנע מענטשלעכע געבאָטן
פאַרשפּאַרט דיך הינטער שטעכל-דראָטן,
אין טויזנט פײַערן געברענט,
טויזנט מיתות בית-דין אָנגעווענדט,
טויזנט מאָל דו ביסט געווען, מײַן פאָלק, פאַרבײַ,
און ביסט געבליבן לעבן,
און ביסט געבליבן פרײַ —
עם ישראל חי!

1973

גאָט, איך בין דײַן לייטער

גאָט! —
איך בין דײַן לייטער,
דו גייסט אויף מיר
אַרויף,
אַראָפּ.
פֿאַרשטויס דעם שטיין פֿון מײַן צוקאָפּנס —
מײַן שטענדיקן באַגלייטער!

אינעם געראַנגל מיט די שונאים
בין איך צעשלאָגן,
נאָר נישט פֿאַרלענדט —
עס האָט מײַן פֿאָלק מיך געטראָגן
אויף זײַנע אויסגעפּרוּװטע הענט...

צינד אָן, מײַן גאָט, אַ ליכט אין אונדזער כאַטקע!
פֿאַרטרײַב די הינט און דעם ריח פֿון בלוט,
וואָס שטיקט,
פֿון דער יאַטקע!

1973

נאַכט. דער הימל אויסגעשטערנט

נאַכט. דער הימל אויסגעשטערנט,
די לבנה גייט אַרום פאַרטראַכט,
די גאַסן זענען שטיל
און געלאַסן.
דער שטאָט-זייגער גייט נאָר אַרום
פון צײַט-צו-צײַט
מיט לשון.
די הײַזער אַלע אויסגעלאָשן,
נאָר ערגעצווו
פון דאָרט און דאָ
טוט אַ בליצל אומגעריכט
אַ יאָרצײַט-ליכט...

אין מײַנע געזאַנגען

פאַר לײזער פּאָדריאַטשיק

אין מײַנע געזאַנגען האָב איך אײַנגעגראָבן
מײַן געזיכט.
רוף מיך
און ווי אַ קינד איך וועל דיר נאָכלויפן,
מײַן אויסגעבענקט געדיכט.

דער גערויש פון טאָג דערווײַטערט אונדז,
מאַכט אונדז מיד.
אַן אויסגעשעפּטער קום איך אָוונט-צײַט צו זוכן רו
אין די דלת-אמות פון מײַן ייִדיש ליד —
דעם נישט געמאָנטן —
וואָס האָט שוין אַ הימל איבער זײַן קאָפּ,
עס פעלן אים נאָר האָריזאָנטן...

דער רויבפויגל

דער רויבפויגל מיט די צעשעדיקטע פליגל
קוקט נאָך אַלץ אַרום אויף רויב.
אין זײַנע אויגן — פאַרלאָשענע שטורקאַצן —
צאַפּלט אַ פאַרבלוטיקטע טויב.

דער דרויסן קוקט אים אָן, באַוווּנדערט —
דעם סימבאָל
פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט —
דער הימל צייכנט אַרום זײַן קאָפּ
אַ קרײַז.
די זון באַצירט זײַן ברוסט
מיט אַ גאָלדענעם האַקנקרייץ
און מיט אַ מעדאַל
פון „סערפּ און האַמער"...

אַך טי, רבונו של עולם

אַך טי, רבונו של עולם,
אבינו טי נאַש!
אונדזער לאַנד פון „זבת חלב ודבש"
דאַרף זאַפּט!
דאַרף קראַפּט!
דאַרף נאַפּט!

דאָס האָסטו געגעבן צו אונדזערע שונאים
מיליאָסן טאָנען.
אונדז —
זאַמד און שטיינער און כאַמסינען.
דאָך —
מודים אנחנו לך!

נאָר קיינער אונדז קען נישט
אָט דאָס מעסטעלע גליק
פון אַן אייגן שטיקל מדינה
פאַרגינען...

זיי האָבן אונדז ליב ווען מיר קלאָגן
און וויינען... —
נאָר ווי זאָגט עס פּישקע דער קרומער?
— אַ קיענק זיי אין די ביינער!...

ווי אַ קינד

פאַר מאיר חרץ

ווי אַ קינד עס שמייכלט, גוגערט
דער קאַיאַר.
איך גלעט זײַן קעפּל בלאָנדע האָר
און געהיט,
איך לערן אים צו מאַכעניון
די ערשטע טריט.

דערצייל אים מעשהלעך פון „טויזנט
און איין טאָג”,
ווינטש אים זײַן באַהיט פון פורעניות
און פּלאָג,
זײַן זאָל ער אַ ליכטיקער, מיט זון
און הימלבלוי —
כּה לחי!

אַ גאַנצן טאָג פאַר יעדערן ווי אַ קאַיאָר
און נישט, חלילה, איבעריק.
צעצויגן —
אַ טאָג — אַ יאָר...

1973 — מעלות

איך וועל צונויפקלײַבן

פֿאַר שאול גיוועלדער

איך וועל צונויפקלײַבן די פֿאַלנדיקע שטערן
און זיי ברענגען צו דיר.

טו עפּעס פֿאַר זייערטוועגן

דו הערסט,
זיי שרײַען בעטן זיך:
קערט אונדז אום דעם הימל,
מיר זענען זײַנע טרערן.
דאָ, אין דער וויסטער פֿרעמד
וועלן מיר אויסגיין אין בענקעניש
און אין צער.
מיר וועלן פֿאַרשטיינערט ווערן...

די שײַן וואָס צעשפּרייט בײַ אונדזער פֿאַלן
איז נאָך נישט פֿאַרגאַנגען.
עס ציטערן נאָך אין די הויכן
אונדזערע געזאַנגען — — —

וועל איך צונויפקלײַבן די פֿאַלנדיקע שטערן
און זיי ברענגען צו דיר —
טו עפּעס פֿאַר זייערטוועגן!

1978

דער הימל האָט אַ ים מיט טרערן

פראָפעסאָר צבי יעבץ — מיט פריינדשאַפט

דער הימל האָט אַ ים מיט טרערן שוין פאַרגאָסן
אויף זיינער
און אויף אונדזער דאָליע.
עס איז אים, קענטיק, גלייך ווי אונדז,
אויפן האַרצן אָנגעזאָליעט...

ער קען זיך נישט געבן קיין עצה
ווי פון די וואָלקנס זיך שיצן,
זיי מאַכן אים טויב מיט די דונערס,
זיי מאַכן אים בלינד מיט די בליצן.

צי איז אים ווי אונדז נישט באַשערט נאָך
זיך פון די גרוילן באַפרייען?
ווי מיר קוקט ער אוים זיינע אויגן,
סע זאָל זיך דער דרויסן באַנייען.

ווייל קומען עס וועט דאָך דער גוטינקער ווינט
און די וואָלקנס פאַרשטויסן,
און ווידער זאָל שמייכלען דער גאַנצער אַרום —
צו אונדז,
און צו אים
און צום דרויסן...

1977 — קרית־אונו

איך ווייס נישט

איך ווייס נישט וואָס זאָל דאָס באַטײַטן,
וואָס איך בין אַזוי פריילעך.
אַן אָרעמער ייִדישער זעלנער
בײַ אַן אָרעמען ייִדישן מלך.

צי האָט נישט מײַן גורל קיין אָנלען
אויף וואָס דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן?
צי אויסגעשטעלט איז ער אויף שטענדיק
צו וואָגל און טויט-געפאַרן?
צי איז אונדזער ערד אַ פּאַרזייטע
מיט טרעבלינקעס און באַבי-יאַרן?...

איז וואָס זשע בין איך אַזוי פריילעך?
איך ווייס נישט וואָס זאָל דאָס באַטײַטן.
צי ווײַל ס'איז דער ייִדישער גורל
שטאַרקער פון ווײַטן און צײַטן,
און דער מאָרגן ער מוז אַמאָל קומען
אויף ליכטיקע בשורות צו רײַטן?...

און אפשר ווײַל איך בין נישט איינער,
מײַן פאָלק איז מיט מיר צוזאַמען,
טוליעט צו זיך און קלאַמערט
און לאָזט נישט מײַן לעבן פאַרסמען.
מײַן אויסגעפרווווט פאָלק אין שלאַכסן,
צעזייט איבער שבעה ימען?...

און היט מיך, באַשיצט מיך און מוטיקט:
— געווען זענען ערגערע צײַטן!
דער מאָרגן ער מוז און וועט קומען
אויף ליכטיקע בשורות צו רײַטן,
און לאָזט אונדז אין לעבן פאַרוועבן —
אַזוי נאָר מוז דאָס באַטײַטן. —

1976

דער דרויסן האָט זיך איבערגעשראָקן

דער דרויסן האָט זיך איבערגעשראָקן,
גיסט די לבנה וואַקס אויף זײַן קאָפּ
און שפּרעכט אים אָפּ:

אַלץ דרייט זיך אַרום דער זון,
אַ יעדער אויף זײַן אַרביטע.
זאָל די חשכות און וויסטע וואָר
נישט האָבן איבער דיר קיין שליטה...

און קומען נעפּלען צו גיין,
צי וויאַנען שטערן ווי קווייטן, —
און ביסטו דען שולדיק אין דעם
וואָס די וועלט גייט געקאָוועט אין קייטן?

און דונערט און בליצט אין אַרום,
פון שטורעמס די צעדערן פאַלן.
צי ביסטו דען שולדיק אין דעם
וואָס פול איז די ערד מיט וואַנדאַלן?

מיר ווערן און קומען אום,
די צײַט קוקט אַרוים פון איר לויער..
נאָר דו בלײַבסט אייביק דו
אין אין-סוף פון דײַן שטח און דויער...

טפו אויף מידבר, אויף וויסטע באַרג און טאָל
און אויף די פאַרביסענע שונאי-ישראל!

גאָט פון אונדזערע אבות

גאָט פון אונדזערע אָנגעליטענע אבות
און פון אונדזער שווער געפּרוּווטן פאָלק,
גאָט פון אונדזערע קדושים פון אַלע שחיטות
פון אַלע צײַטן —
פון די שפּאַנישע אינקוויזיציעס ביז די דײַטשישע גאַז־קאַמערן
און שײַטערס —

הער אויס, פאַרנעם מײַן צערודערטע תפילה,
גיב אונדז שוין הימלען ריינע,
שטילע,
אָן אײַזערנע פייגל.
גענוג שוין באַצאָלט פאַרן מישכּן,
און איבערגענוג פאַרן עגל...

זאָל אונדזער מאָמעניו־ערד צו דער צײַט
מיט טוי און מיט רעגן באַגאָסן ווערן.
זי איז שוין זאַט
מיט אונדזער בלוט,
מיט אונדזער שוויים,
און מיט אונדזערע טרערן...

מאַרט 1978

ס י ר ע נ ע ס

סירענעס —
נישט פון יענע
פון אַלט־גריכישער לעגענדע
וואָס מיט געזאַנג די ים־לײַט
זיי פאַרבלענדן
און פאַרלענדן.

סירענעס —
נישט פון יענע
וואָס זייער ראָל איז
אויפצוברענגען פון הייך פאַרשיידענער
די טענער,
אויסמעסטן פון וואַקלעניש די צאָל איז.

נאָר סירענעס,
אָט פון יענע,
ווען דער הימל איז באַלאַגערט
פון שׂונאס פליִערס,
דאָס לאַנד אײַנגעקלעמט, פאַרצוויגן
מיט אַ רייף איז,
און עס בריט די לופט מיט שׂרפות,
מיט פאַרלענדונג
און מיט ווינד און ווײ.

באַהיט אונדז, ליבער גאָט, און באַשיץ פון זיי!

מאַרט 1978

מן המצר

גאָט,
עס רופֿט צו דיר דײַן צערודערט פֿאָלק:
מן המצר! —

די מלאכים הערן
און שווײַגן.

די הימלען הערן
און שטײַגן.

נאָר די ערד,
אונדזער בידנע ערד —
הערט
און וויינט...

1978

☆

די שויבן שמייכלען —
צו וועמען?
אויפן דאַך די טויב —
אַ זון.

דער בוים ביים וועג
שאָקלט צו מיטן קאָפּ
צום וואָלקנדל
ביים האָריזאָנט.

די טעלעגראַפן־סלופּעס
ריידן זיך איבער
מיטן הימל.

טעלערס פליִען אָן
פון אומבאַקאַנטע וועלטן,
ברענגען אָן בענקשאַפט
צו גאָט.

פרילינג.
די פעלדער גרינען:
קום!
דאָס טײַכל שפּילט זיך מיטן הימל. —
אַזוי פיל כּישוף אין דעם אַרום...

1978

☆

פאַרן מאיר יעלין

דער מענטש איז די מאָס
פאַר אַלץ
פאַר אום און גראָד. —
ווו ליגט דער סוד
פאַר ליבן?
פאַר גלויבן?

דאָס לעבן שפּילט אָפּט
דעם טויבן...

אויף דער שוועל ליגן די מצוות,
וואַרטן — אויף דעם געגאַרטן,
אויף דעם אָפּגענאַרטן,
ער זאָל קומען
זיי אויפהייבן,
אויסגלײַכן די רוקנס,
זיי אַוועקלייגן ערגעץ אין אַ זײַט —
ווײַט פון די „על חטאן" —
מע זאָל אויף זיי נישט טרעטן...

1978

☆

דיביימער קרעכצן צום ווינט.
די הערצער זינגען.
די ליפּן בענקען.

עמעצער גייט איינער אַליין.
איז דאָס לעבן אומשטערבלעך ?
איז אינעם אַרום אַלץ אונטער אַ שלייער ?

וואָס בעטן מיר ?
שלום און רו.
זענען מיר אײנזאַם ? אַליין ?

מיר באַצאָלן מיט בלוט
פאַר דער זאַמדיקער ערד
וואָס איז אונדזערע.
אונדזערע ! —

ווען זשע וועט דער הימל
שמייכלען
צו אונדז ? !

1978

בײַם אָפֿענעם פֿענצטער

אַזױפֿיל װוּנדער אין דרױסן,
אַזױפֿיל חן אין אַרום.
פֿאַרבן אַ שפֿע,
אַ שלל מיט געזאַנגען — — —

אָ, לעבן מײַנס, אין סוף־זומער,
איך בין בײַ דיר געפֿאַנגען.

נײג צו צו מײַן תּפֿילה דײַן אױער:
שענק נאָך אַ מעסטעלע דױער!

אַ וועלט מיט וועלטעלעך
(מעשהלעך און משלים)

☆

— נו, און דער סוף פון דער מעשה? — האָט די קאַץ געפרעגט.
— אַ מעשה האָט זיבן סופן, — האָט געענטפערט דער קאָטער.

☆

— ווייסעך, — האָט געזאָגט דאָס פערד, — ס'איז נישט מער ווי אַ שפּאַס.
— אַ שפּאַס וואָס פאַרגייט וויַיט, — האָט געענטפערט דאָס צווייטע פערד, — דערפירט צו קריגעריַי.

☆

— איך האָב אויגן, — האָט געזאָגט דער טאָג.
— און איך האָב אויערן, — האָט געזאָגט די נאַכט.

☆

— מע זאָגט אַז אַ האָז איז אַ פּחדן, און זע נאָר, ווי אָט יענער דאָרט, גייט זיך אַרום אַזוי, גליַיך אַ מלך.
— דאָס איז אַ סימן אַז דאָרט זענען קיין וועלף נישטאָ.

✡

— איך בין דיך מקנא, — האָט דער וואָלף געזאָגט צום לייב, — ביסט גרויס און שטאַרק אַזוי. פאַר וועמען האָסטו מורא?
— אָט דאָס איז אפשר די צרה, — האָט געענטפערט דער לייב. — וואָס מער מען איז גרעסער און שטאַרקער, אַלץ מער יעגערס אויף דיר.

✡

— ווי מיינסטו, זשוטשקע, ווער פון זיי איז גערעכט? פאַלקאָן צי ראַכמשיק?
— אוודאי פאַלקאָן! ער האָט האוקעט העכער...

✡

— אַלץ וועל איך דיר אָוועקגעבן פאַר אַ שיינער מעשה.
— איז וואָס זשע פאַר אַ מעשה וואָלסטו וועלן כ'זאָל דיר דערציילן?
— דערצייל מיר וועגן דעם, וואָס דו האָסט קיין מאָל נישט געזען, וואָס איך האָב קיין מאָל נישט געהערט, וואָס האָט זיך קיין מאָל אויף דער וועלט נישט געטראָפן.

✡

דער לאָך מאַכט דעם גנב.
אויב דער לאָך איז שולדיק, פאַר וואָס זשע משפט מען דעם גנב?

☆

— פרעגט מען דיך וועגן עפּעס־וואָס, ענטפער: נישט געזען. ווײַל „נישט געזען״ — איז איין וואָרט, „געזען״ — אַ גרויסער שמועס.

☆

—ער איז מיר אַ שׂונא דרײַפאַכיק: מײַן שׂונא, אַ שונא פון מיין פרײַנד און אַ פרײַנד פון מײַן שׂונא.

☆

— אָפּט בין איך געגליכן צו דיר, — האָט די באַרימערײַ געזאָגט צו דער באַשיידנקייט.
— ווען? — האָט די באַשיידנקייט אַ פרעג געטאָן.
— דעמאָלט ווען דו ביסט פאַלש אָדער ווען דו ווייסט נישט קיין מאָס.

☆

— פאַר וואָס לאַכסטו? — האָט אַ פערד געפרעגט דעם שכן זײַנעם.
— אָט גלאַט אַזוי, — האָט דער שכן געענטפערט. — אָן אַ שום סיבה.
— אויב אָן אַ שום סיבה, — האָט דאָס ערשטע פערד געזאָגט, — וועט דאָס לאַכן דײַנס דיך ברענגען צו טרערן...

זון און שאָטן

— ווער בין איך און וואָס בין איך אָן דיר! — האָט דער שאָטן
געזאָגט צו דער זון.
— דאָס מינערט נישט דײַן ווערט, — האָט די זון געענטפערט. —
אָפּט ווערסטו אַפילו מער געזוכט און באַגערט איידער איך...

דער וועג

וואָלט איך פּיס פאַרמאָגט — וואָלט איך דעם ווינט דעריאָגט;
וואָלט איך אויפגעשטעלט זיך אין דער הייך — וואָלט איך דעם
הימל דערגרייכט;
וואָלט איך געהאַט אַ פּאָר הענט — וואָלט איך די וועלט
אַרומנעמען געקענט...

☆

— אויב ס׳איז מיר באַשערט ס׳זאָל מיר עפּעס פאַלן אויפן קאָפּ —
האָט זיך געווונטשן אַ הונט, — זאָל דאָס כאָטש זײַן אַ
שטיק פלייש...

אַ זיכער ווינקל

— איז פאַראַן אויף דער וועלט כאָטש איין זיכער ווינקל, מײַן
פרײַנד, וווּ מיר זאָלן נישט האָבן פּאַר די חיות־דעות?
— האָט די האָזעכע געפרעגט דעם האָז.
— פאַראַן, פאַראַן, מײַן טײַערע, — האָט דער האָז געענטפערט, —
נאָר דאָס דאָזיקע זיכערע ווינקל איז אין פוטער־געשעפט...

דאָס כּפּרה־הינדל

— וואָס ביסטו אַזוי דערשלאָגן, ראַבטשיק? — האָט דאָס פערד אַ פרעג געטאָן בײַם הונט.

— די שוויגער זײַנע איז שוין געקומען צו גאַסט.

— וואָס פאַר אַ שײַכות האָט עס צו דיר?

— אויף איר איז ער בייז, און צו מיר לאָזט ער אויס דעם כּעס...

☆

— פאַר וואָס איז די קאַץ אַנטלאָפן?

— עס האָט דאָרט עמעצער אויפגעהויבן אַ שטעקן.

— דעריבער?

— אַ סימן זי פילט זיך שולדיק.

☆

— איך האָב זיי דאָרט הײַנט געהאַלטן אַ רעדע, זענען זיי געוועזן מויל־און־אויערן.

— ביזט דאָך אַ היקעוואַטע.

— איך האָב גערעדט פאַר טויב־שטומע...

☆

— ווי פײַן שמעקט דאָ דער רויך.
— רויך שמעקט שוין אויכעט?
— נאָר אין דער אײגענער היים...

☆

— איך. — האָט דאָס לשון הרע אַ זאָג געטאָן צו אַ פלעשל סם, — בין פיל שטאַרקער פון דיר.
— מיט וואָס? — האָט דאָס פלעשל געפרעגט.
— דו קענסט פאַרסמען איין מענטשן, איך — אַ גאַנצע שטאָט...

☆

— אַז ווייל איז דיר, — האָט אַ שטיינדל געזאָגט צו אַ קערנדל ווייץ. — מען האָט דיך פאַרזייט און אין גיכן וועסטו ווערן אַ גאָלדענע זאַנג...
— איך וועל שוין קיין זאַנג נישט ווערן, — האָט אַ זיפּץ געטאָן דאָס קערנדל ווייץ, — עס האָט מיך דערזען אַ קראָ...

☆

— וווּהין פליסטו? — האָט מען געפרעגט דאָס טײַכעלע.
— אַהין, צום אָקעאַן.
— ער נייטיקט זיך שטאַרק אין דיר?
— ער מאַכט נישט אַוועק אַפילו פון קלענערע פון מיר.

☆

— מײַן גאַנצע האָפענונג איז אויף דיר, — האָט דער סוד געזאָגט צום שווײַגן.
— מײַן גאַנצע האָפענונג איז אויף דיר, — האָט דאָס שווײַגן געזאָגט צו דער צונג.

פאַנטאַזיע און טאַט

— איך מאַך דעם מענטשן גרויס, — האָט זיך באַרימט די פאַנטאַזיע, — איך בין זײַן שטרעבונג צו אידעאַלן.
— ריכטיק, — האָט באַשטעטיקט די טאַט. — אַ ווערט אָבער באַקומסטו ערשט דעמאָלט, ווען דורך מיר דו ווערסט אַ ווירקלעכקייט...

ווער איז שטאַרקער

— מע האָט אויסגעטראַכט אַז דו ביסט שטאַרקער פון מיר, — האָט די שווערד געזאָגט צום פעדער. — מע ווייסט דען נישט, אַז ביז מען קלייבט זיך פונאַנדער וואָס דו זאָגסט, האָב איך שוין אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ...

דער שטיין אויפן וועג

— וואָס ליגסטו דאָ אויפן וועג? — האָט מען געפּרעגט דעם שטיין.
— איך ליג דאָ און וואַרט סע זאָל זיך אין מיר אָנשלאָגן אַ קרומער...

די נוס

— דו הערסט ווי עס קלינגט אין מיר, — האָט אַ נוס אַ זאָג געטאָן צו זײַנעם אַ שכן, — אַ סימן אַז עפּעס ליגט אין מיר.
— דאָס קלינגען, — האָט דער שכן געענטפערט, — ווײַזט דווקא אַז דו ביסט פּוסט...

דער שטעקן

— איך בין ביַי זיך נישט געפֿאַלן, חלילה, — האָט צו עמעצן געזאָגט דער שטעקן. — שוואַכע און קרומע שפּאַרן זיך אָן אויף מיר און אָפּט מאָל איז אָנגענעמער צו גיין מיט מיר איידער מיט אַ שלעכטן מיט-גייער...

דער שפּאַס

— האָסט אָנגעהויבן מיט אַ שמייכל און געענדיקט מיט קריגערײַ, — האָט מען פֿאַרגעוואָרפֿן דעם שפּאַס.

— זעט אויס אַז איך בין צו וויַיט פֿאַרגאַנגען, — האָט דער שפּאַס געענטפֿערט...

דער קנאָבל

— ער האַלט זיך אויך פֿאַר אַ פּרי, — האָבן אין קיך די עפּל געלאַכט פֿון אַ קנאָבל. — און אַ ריח!...

— נישקשה, — האָט דער קנאָבל געענטפֿערט, — אין דעם געבראָטנס שמעק איך...

די חרטה

— שטענדיק פאַרשפּעטיקסטו, — האָט מען פאַרגעוואָרפן דער חרטה.

— זאָל זײַן מיט פאַרשפּעטיקונג, — האָט די חרטה געענטפערט, — נאָר איך קום...

מזל

איינעם רופט מען „נאַר" און מע גיט אים לעקעך,
אַ צווייטן רופט מען „נאַר" און מע גיט אים פּעטש...

אָנגעשפּיצט

— וואָס האָסטו אָנגעשפּיצט אַזוי די אויערן? — האָט מען געפרעגט דעם פוקס.

— איך הער ווי אַ האָן ערגעץ קרייט.

☆

— ווער זענט איר? — האָט מען געפרעגט בײַ דער שינאה, בײַ דער קריגערײַ און גלײַכגילטיקייט.

— מיר זענען די מיטגייער פון אומגליק, — האָבן זיי געענטפערט.

☆

— דו שײַנסט דאָך נאָר אַ דאַנק דער זון, — האָט מען געזאָגט צו דער לבנה.

— איז וואָס? — האָט די לבנה געענטפערט, — אַבי איך שײַן...

☆

— אויב איך אַליין בין אַ רענדל, — האָט אַ וואָרט זיך אָנגערופן צום שפּריכוואָרט, — זענען דאָך הונדערט ווערטער אַ פאַרמעגן.

— וואָס מער איר זענט, — האָט דאָס שפּריכוואָרט געענטפערט, — אַלץ ווייניקער איז אײַער ווערט...

חיי־שעה

— נו וועלן מיר עס היינט האָבן אַ לוויהלע, אַז אַלע אונדזערע וועלן אונדז מקנא זײַן, — האָט איין מויז צו ווײסן געגעבן דער צווייטער.

— וואָס איז די שמחה אַזוי גרויס? — האָט זיך געוווּנדערט די צווייטע.

— די קאַץ איז געפּגרט, — האָט יענע געענטפערט.

— נו, האָט די צווייטע מויז אַ מאַך געטאָן מיט אַ פּיסל, — וועט אַ צווייטע קומען.

— איך ווייס, — האָט די ערשטע געזאָגט, — נאָר ביז אַ צווייטע וועט קומען, איז גוט חיי־שעה...

זעלבסט־נאַרעריי

— דיר איז לײַכטער ווי מיר, — האָט דער וואָלף אַ זאָג געטאָן צום בער, — ווען דו האָסט נישט וואָס צו עסן, זויגסטו די לאַפּע.

— זויג אויך! — האָט דער בער אים געעצהט.

— וועל איך דען זאַט ווערן?

— און איך ווער דען זאַט?

— פאַר וואָס זשע זויגסטו?

— מע דאַרף קענען זיך אַליין צו מאָל נאַרן...

דער אָפּמאַך

— אַלץ וואָס איז פֿאַר דיר שוין אַלט און אָפּגענוצט, — האָט דער טויט געזאָגט צום לעבן, — גיב אָפּ מיר.

— גוט, — האָט דאָס לעבן מסכּים געווען און מאַכט זייער אָפּט שרעקלעכע פֿעלערן...

געשווינדקייט און איַילעניש

— מיר זענען דאָך פֿון איין שורש ביידע, — האָט זיך געקלאָגט די איַילעניש פֿאַר דער געשווינדקייט. — איז דיך לויבט מען און מיך, פֿאַרקערט, טאַדלט מען.

— דאָס איז, זעט אויס, דערפֿאַר, — האָט די געשווינדקייט געענטפֿערט, — וויַיל פֿון דיר קומט קיין גוטס נישט אַרויס...

וועגן מוטיקייט

— ווי מיינסטו, — האָט אַ הונט זיך אָנגערופן צו זײַנעם אַ פרײַנד,
— וואָס-וואָס, אָבער מוטיק בין איך.
— דאָס וועט זיך אַרויסווײַזן, ווי דו וועסט זיך אויפפירן אין אַ נויט... — האָט דער פרײַנד געענטפערט.

☆

— צוויי זאַכן זאָלסטו געדענקען, — האָט אַ פוקס אײַנגעקנעלט מיט זײַן זון, — און וועסט זיך ראַטעווען פון פיל עגמת-נפשן: מע קען זײַן כיטרער פון אַ צווייטן, נאָר נישט כיטרער פון אַלע און ס'איז זייער לײַכט אַרײַנצופאַלן אין אַ צרה, ווען דו האַלטסט זיך כיטרער פון אַנדערע...

☆

דער ווייטיק האָט געוויינט, די באַליידיקונג האָט גערעדט, דער פאַרדראָס האָט געשריגן, נאָר די ליבע האָט געשוויגן...

☆

— קום שנעל אַהיים — האָט די קוואַטשקע גערופן איר הינדעלע. — עס וועט באַלד שטאַרק רעגענען.

— נו און דאָס קאַטשקעלע? — האָט דאָס הינדעלע אַ פרעג געטאָן.

— דאָס קאַטשקעלע האָט נישט מורא אַפילו עס זאָל ווערן אַ מבול...

אַ מזל־זאַך

— אונדזער גורל, — האָט אַ טעלער זיך אָנגערופן צו זײַן שכן, — איז צעבראָכן צו ווערן.

— נו יאָ, — האָט דער שכן געענטפערט. — נאָר ווען כאָטש אויף אַ קנסמאָל!

— דאָס איז שוין אַ מזל־זאַך, — האָט דער ערשטער טעלער אַ זיפץ געטאָן. — אויף דעם, ברודערקע, באַדאַרף מען האָבן אַ באַזונדערע זכיה...

דער אונטערשייד

— וואָס איז דער אונטערשייד צווישן אונדז און די חיות — האָט אַ שעפּס געפרעגט די פרײַנדין זײַנע.

— ביי די חיות, — האָט די פרײַנדין געענטפערט, — איז דאָס פאַרברעכן אָן אַ שטראָף, בײַ אונדז איז די שטראָף אָן אַ פאַרברעכן.

פײַער און וואַסער

— מיט דיר טאָר מען נישט שפּאַסן, — האָט דאָס וואַסער געזאָגט צום פײַער.
— און דיר טאָר מען נישט גלייבן — האָט דאָס פײַער געענטפערט.

☆

— פאַר וואָס זענט איר אַזוי ביטער? — האָט מען געפרעגט בײַ די ווערטער.
— ווײַל מיר זענען אויפריכטיק, — האָבן די ווערטער געענטפערט.

דער זיפּץ און די טרער

— מיט דיר, — האָט דאָס האַרץ געזאָגט צום זיפץ, — איז ווי מיט אַ שוואַרצער כמאַרע. ס'ווערט שווער צו אָטעמען, ביז עס קומט די טרער און ווי נאָך אַ געוויטער עס ווערט שטילער, שטילער...

זעלבסט־ווערדע

— איך הייב דאָס נישט אָן צו פאַרשטיין, — האָט דער אויוון זיך אָנגערופן צו דער קאָטשערע, — האָט מען מיט דיר פאַרשאַרט דעם זשאַר, האָסטו געשוויגן און דאָ, פּלוצעם, האָסטו דערלאַנגט דעם בעל־הבית אונדזערן איבערן קאָפּ!

— אַלץ וואָס איז שייך מײַן אַרבעט, — האָט די קאָטשערע געענטפערט, — איז אַדרבא. נאָר אָנטרעטן מיך? איז נאָ דיר!

אין זכות פון די געסט

— וואָס פּלוצעם וואַשסטו זיך ווידער? — האָט דער קאָטער אַ פרעג געטאָן די קאַץ.

— זאָל די בעל־הביתטע מײַנען מיינען אַז ס׳קומען געסט.

— איז וואָס?

— פאַר די געסט גרייט זי צו געשמאַקע פליישיקע מאכלים, — האָט די קאַץ געענטפערט, — לעק איך אויך אָפּ אַ ביינדל...

פון דער יאַפּאַנישער און כינעזישער דיכטונג

אָטאָמאָ יאַקאָמאָטי (718—785)

אַ בריוו דער פרוי געשריבן אין פאַרשיקונג

מעג זיין ווי נעבעכדיק דער קנעכט אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל,
וויַיט פון דיר, ווי אָט דער הימל־געצעלט...
נאָר אויב עס בענקט אַ הימלפרוי נאָך אים —
אַ צייכן כ׳זע אין דעם,
אַז ס׳איז כדאַי צו לעבן אויף דער וועלט.

☆

שטענדיק פאַר דעם מאָרגנרויט זיך צוהערן מען מוז, —
אין פרימאָרגנדיקער שעה,
ווען קוים עס שפּראָצט דער טאָג —
צעטרייסלענדיק די ריזנבערג צעשפּרייטע אין אַרום,
אין בענקעניש אַ הירש דאָ אָסיענצייַט עס קלאָגט!

קי־נאָ צוראַיוקי

אַן אַנדערער געוואָרן ביסט, צי אַלץ דער זעלבער?
אָ, דײַן אמת האַרץ עס שוועבט ווי אין דער לופטן!
אַוועק נישט ווייניק טעג,
דערפאַר אָבער די בלומען...
ווי פריִער אַלץ זיי דופטן!

☆

בלאָזט דער ווינט — שטעלט זיך אויף די כוואַליע,
ווערט שטיל דער ווינט — די כוואַליע ווערט צערונען.
זעט אוים זיי זענען
אַלטע גוטע־פרײַנד,
ווען אַזוי לײַכט דעם וועג צו איינקלאַנג זיי געפינען.

☆

א דרימל טאָן געקליבן זיך בײַנאַכט אום זומער,
נאָר דאָס קול פון אַ ווייִנענדיקער קוקאַווקע באַלד דערהערט...
און פלוצעם — ס׳איז דער מאָרגנשטערן דאָ!
די נאַכט געביטן זיך מיטן קאַיאָר,
ווען אַ באַרוישטער איך האָב זיך צוגעהערט.

אידזומי סיקיבו

אויפן הימל, ווו אַ שטערן זיך באַגעגנט מיט אַ שטערן,
וווהין עס קוקט דאָס פֿאָלק מיט מיטגעפֿיל און טרער,
אַהין איך גיב קיין בליק נישט,
נאָך וואָס אַהינצו קוקן?
מיר זענען דאָך מיט דיר אומגליקלעכער פֿיל מער!

פּודזיוואַראַ איעטאַקאַ

אָפּגעפֿאַלענער פֿורפֿור פֿון אַ קליאָן אויף דער ערד,
צווישן בערג אַ האַרבסטיקער פֿאַרנאַכט, אַ טיפֿער היפּעט.
אַ רעגן טראָפֿנט...
אָן אויסגעווייקטער אונטער אים,
צי נישט אַ הירש אין איינזאַמקייט דאָרט כליפּעט?

אומבאַקאַנטער דיכטער

ווי אַ וואַנדערער געקליידט אין וועג אַרײַן בין גרייט,
דער וועג אָבער אין כוואַליעס אָן אַ ברעג פֿאַרשווינדט.
צוריקקערן זיך ווען?
איך ווייס נישט גאָרנישט,
ווי יענע וואָלקנדלעך די ווײַסע, געטריבענע פֿון ווינט...

פּודזיוואַראַ קיאָסקע

אָ, אָט די וועלט, די טרויעריקע וועלט און שטערבלעכע!
אַלץ וואָס זעסט אין איר און הערסט, עס איז קיין וואָר נישט.
וואָס איז דאָס לעבן דען?
אַ רויכל אין דעם הימל-תהום,
וואָס גרייט איז יעדע רגע פֿאַרוואַנדלען זיך אין גאָרנישט...

אַנאַ־נאָ קאַמאַטי

ס'איז טרויעריק אַלץ. אַ טרויעריקער גורל איז צוגעטיילט
אונדז שטערבלעכע, און נישט פֿאַראַן קיין צווייטער אויף דער וועלט.
און וואָס וועט בלײַבן דען?
אַ בלויער נעפּל בלויז,
וואָס פֿונעם פֿײַער איבער גרויען אַש וועט הענגען איבער פֿעלד.

פֿודזיוואַראַ יעסינאָרי

ווי יענער הירש, וואָס שווײַגנדיק ער וואַנדערט אום
אויף פֿליינען זומערצײַט אין גראָז געדיכטן,
אַזוי איך איצט...
עס הערן זיך נישט מער קיין קרעכצן,
בלויז דער טוי פֿון טרערן אויף מײַן אַרבל היצט.

אַנאַ־נאַ טאַקאַמוראַ

אַלץ, אַלץ איז ווייַס! די אויגן זעען נישט קיין אונטערשייד,
ווי ס'האָט זיך אויסגעמישט דאָ פּלוימען־צווייט מיט שניי.
וווּ איז דער שניי? וווּ איז דער צווייט?
און נאָר דער אַראָמאַט
ווייַזט אָן די מענטשן: אַ פּלוים צי ניט.

אומבאַקאַנטער אויטאָר

אָ, פאַרהאַלטן אים מיר זאָל געלינגען
אַט דעם, וואָס וויל פון מיר אַנטרינען!...
אָ, בלעטלעך פון קאַרשנבוים,
צעשיט זיך אויף דער ערד,
ער זאָל דעם וועג נישט קענען גאָר געפינען!

עסאַנאָ טעקקאַן־(כיראָסי) (1862 — 1935)

דער בעטלער

אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטריק, אין אָפּגעריבענע מלבושים,
צעריסענע סאַנדאַלן, דאָס פּנים ווילד פאַרוואַקסן...
קוקט, ער האָט ווידער זיך אין הויף באַוויזן.
— איך — זאָגט ער — אונטער די בריקן שלאָף!
שענקט כאָטש עפּעס־וואָס, וועל איך זינגען אָן אַ סוף.

אין אירע הענט

„איך ווייס נישט צו דיר קיין גלײַכן!
אין ים וואָלסטו געווען אַ ווײַסע מעווע,
אין הימל — פון אַ כמאַרעלע אַ שאַרלעך־רויטע פאָן!"
אַזוי געזאָגט, האָט זי די אויגן אויפגעהויבן,
און ווי אַ פויגל כ׳בין אין אירע הענט אַ פאַל געטאָן!

☆

און ווער וואָלט טראַכטן גאָר געקענט,
אַז ס'איז געווען ביי דיר אַזאַ דערהויבענער מאָמענט,
ווען האָסט באַהעלט איינמאָליק שיין
דעם גאַנצן הימל פּלוצעם, ווי אַ פאַלנדיקער שטערן, —
פאַרגעסענער אין אַווינקל פון מוזיי טונקעלער שטיין!

☆

אָ, ווען אַפילו דאָס ווילדע גראָז,
וואָס אין פאַרגעסונג אויף די פעלדער וואַקסט,
וואָלט אַ רעד טאָן געקענט,
וויפל טרערן וואָלטן זיך פאַרגאָסן
און וויפל לידער וואָלטן אָפּגעקלונגען!

עסאַנאָ אַקיקאָ (1878 — 1941)

☆

פון דער טיף פון שוואַרצן אײַז
דאָס קעניגרײַך פון די שאָטנס
איז שטיל, גאַנץ שטיל צו אונדז אַרויס,
און עס ליגט איבער מיר די חשכות,
ווי אַ פליגל פון אַ פלעדערמויז.

סאַימאַראָ

☆

עס גיסן מאַיאָווע רעגנס!
און דער ווינט אין די בלעטלעך פון פלוימענבוים
האָט פריש זיך צעגרינט.

באַסיאָ (1694 — 1644)

☆

זומערדיקע גראָזן!
אָט זענען זיי, פון די געפאַלענע קריגסלײַט,
די טרוימען וועגן רום...

☆

אָ, אומדערבאַרעמדיקער גורל!
אונטער אָט דעם רומפולן העלם
קלינגט איצט אַ גריל.

☆

אויף אַ נאַקעטן צווײַג
אַ קראָ זיצט איינזאַם...
האַרבסטיקער אָוונט!

☆

אַ בעטלער אויפֿן וועג!
אום זומער זײַן גאַנצער צודעק —
הימל און ערד.

☆

מיט אַ שטיין וואַרפֿט אין מיר!
אַ צווײַג פֿון אַ צעצוויטעטן קאַרשנבוים
איך האָב אָפּגעבראָכן איצט.

ראַנראַן

☆

אַ האַרבסטרעגן אין דער פינצטערניש ! —
ניין, נישט צו מיר — צום שכן
האָט אַ שירעם אַ שאָרך געטאָן...

טיאָ (1701 — 1755)

☆

איבערן טײַכל אַ גאַנצן טאָג
כאַפּט, כאַפּט די ליבעלע
איר אייגענעם שאָטן.

אויפן טויט פון קליינעם זון

אָ מײַן ליבּ עלן־פאַנגער !
וווּהין אין אומבאַקאַנטן לאַנד
ביסטו איצט אַרײַנגעלאָפן ?

בוסאָן (1784 — 1716)

☆

אויסגעפאַלן אַ טוי,
און אויף אַלע שטעכלקעס פון דאָרן
טראָפּנדלעך הענגען.

☆

אַ שטיינהאַקער קלאַפּט...
פונקען שווימען מיטן שטראָם
אין די ליכטיקע וואַסערן פון טײַך.

טאַיִגי (1772 — 1709)

☆

הויך עס קלינגט אַ ליד,
גלײַך ס'איז נישט פאַרשפאַרט
אין שטײַגל דער סאָלאָוויי.

ריאָטאַ

☆

איז אַוווּ זענען די גליווערעמלעך ?
ראַטעווענדיק זיך פון פאַרפאָלגונג,
זיך באַהאַלטן אויף דער לבנה !

☆

אַלץ איז אין לבנה־זילבער...
אָ, ווען געבוירן ווערן ווידער
כ׳זאָל ווי אַ סאַסנע אויפן באַרג !

איסאַ (1763 — 1827)

✩

אין מײַן היימלאַנד ליבן
בליט מיט צוויט פון קאַרשנבוים
אויך דאָס ווילדע גראָז!

✩

עס שרײַט דער פאַזאַן אַזוי,
גלײַך דאָס האָט ער אַנטדעקט
דעם ערשטן שטערן.

✩

ווידער אום פרילינג קום צו פליִען!
דײַן היים, זע, נישט פאַרגעס,
שוועלבעלע, אין ווײַטן וועג!

☆

אָ, ציקאַדע, נישט וויין!
נישטאָ קיין ליבע אָן צעשיידונג
אַפילו פאַר די שטערן אין הימל.

☆

אָ, טרעט נישט, בלײַב שטיין! —
דאָ האָבן גליווערעמלעך געשײַנט
נעכטן אין דער נאַכט...

☆

איז וואָר, אין פאָריקן לעבן
מײַן שוועסטער ביסט געווען,
טרויעריקע קוקאַווקע?

☆

די פלוימענבוים-צווײַגן אין בלי!
אַ בינטל שטראַלן די לבנה וואַרפט:
„גנבע צו אָט יענע!"

☆

אָ, מיט וואָס פאַר אַ בענקשאַפט
פאָלגט נאָך דער געפאַנגענער פויגל...
דעם שמעטערלינגס געפלי!

☆

ווען דער האַרבסטיקער געווירבל
זאָל אַזויפיל בלעטלעך אָפּגעפאַלענע מיר ברענגען,
איך זאָל דערוואַרעמען מײַן שײַטער!

☆

נישט קריגט זיך אין וועג,
העלפט איינער דעם צווייטן ווי ברידער,
וואַנדערנדיקע פייגל!

איסיקאַוואַ טאַקובאָקו (1886 — 1912)

✩

פאַראַנען לײַט, וואָס אַלץ פאַר זיי איז פּרעכטיק.
און יענץ פאַר זיי איז גוט, און דאָס איז אויסגעצייכנט.
ווען אַזאַ לײַכטקייט פונעם גײַסט זאָל איך דערגרייכן!...

✩

איך ליג אין גראָז, אָן טראַכטונג און אָן טרויער.
נאָר הויך איבערן קאָפּ —
ווייוועט אום אַ קאָרשון אינעם קלאָרן הימל...

✩

ווען רויִק איז דאָס האַרץ —
און דאָס טרעפט אַזוי זעלטן —
דערמאָנט אויך דאָס טיקען פונעם זייגער טוט פאַרווײַלן...

☆

פלוצעם, אומבאַמערקט פאַר מיר
מיט קערנדלעך זאַמד אַ טרער זיך אויסגעמישט...
ווי שווער איז די טרער געוואָרן!

☆

נישט צו פאַרהאַלטן איז די טרער וואָס געפאַלן אויף מײַן באַק,
און נישט פאַרגעסן יענעם מאַן,
וואָס האָט געוויזן, אַז אַלץ איז בלויז אַ זשמעניע זאַמד!

☆

מיטן צוג אין וועג.
אויף די סטאַנציעס, אין די פעלדער ווו מיר פאָרן אַדורך,
אַזוי טײַער דעם האַרץ איז דער ריח פון די זומערדיקע גראָזן!

לי־טאַי־פע (702 — 763)

ביי דער גרענעץ

די ווײַסע שנייען פון די געקרויזטע בערג
זענען נישט צעשמאָלצן נאָך,
און קיין שום קווייט נישט קען זייער הויט אַדורכבויערן.
אַ ווינטל בלויז צווישן די ווייַנענדיקע ווערבע־צווײַגן גייט.
די פויק און דער גאַנג לאָקן מיך ביז גאָר.
איך טו אַ שפּרונג, זעץ זיך אויפן זאָטל
און דרימל אײַן פאַמעלעך אויפן פערד.
אין שיידל האָט אַ צוק געטאָן די שווערד,
כּדי בײַ דעם באַרבאַרן־הונט,
דעם קאָפּ צעשפּאַלטן...

געשריי פון קראָען

אין הינטערשטאָט וואָס הילט זיך זומערדיק אין וואָלקנס געלן שטויב,
רוען קראָען אָונטצײַט אויף ביימער,
הוידען זיך און שרײַען טויב.
טרויעריק און איינזאַם וועבט אַ יונגע פרוי
אַ זײַדענעם בראָקאַט.
זי הערט די קראָען שרײַען און זעט ווי אויפן פאַרהאַנג פאַלן
פון אָונטערוויט די מידע לעצטע שטראַלן.
די נאָדל זינקט. זי טראַכט צום מאַן, צו איר סאָלדאַט
וואָס וואַנדערט אויף די וועגן.
אַ דערשלאָגענע זי גייט צום בעט און אירע טרערן
פאַלן היים ווי אַ זומער־רעגן...

וועי און ווו (740 — 830)

נאַכט

וווהין פאַרשווינדט די שײַן פון טאָג,
פון וואַנען קומט די נאַכט צו גיין?
אָנגעווירן האָט די וועלט איר רייץ און חן.
איך פיל זיך מידער אַלץ פון יאָר צו יאָר,
עס פולט מיך אָן דער צײַט-געלויף מיט שרעק,
עלטערט מיך און גרויט מיר מײַנע האָר...

טשיאַנג צי (765 — 830)

דער בלאַט פאַפיר

מיטן קאָפּ אין די הענט קוק איך אויפן ווײַסן בלאַט פּאַפּיר,
אויף דער פעדער, וואָס די טינט טרוקנט אויף איר.
מײַן נשמה שלאָפט אײַן, ווען וועט זי דערוואַכן?

איך בלאָדזשע אויף פעלדער אַרום, פולע מיט זון.
איך לאָז די הענט מײַנע פרײַ צווישן הויכן גראָזן און גיי.
פון איין זײַט דער סאַמעטענער וואַלד,
פון צווייטער — בערג באַדעקטע מיט שניי.
אויפגעמונטערט קער איך זיך אַהיים.
די פעלדער זינגען אין מיר,
זיך ווידער צוזעצן צום ווײַסן בלאַט פּאַפּיר...

לו לאַן (709 — 618)

צו אַ פֿרײַנד

דאָס פֿערד מײַנס װאַרט, הירזשעט בײַ דעם
פֿרילינגדיקן גראָז.
נאָך דעם װאָס האָסט מיך פֿאַרלאָזט,
קערסטו זיך אַהיים אַליין אין זונפֿאַרגאַנג.
כאָטש אונדזער צעשיידונג װעט נישט זײַן אויף לאַנג,
זענען אונדזערע הערצער צעבראָכן...

געזאַנג פֿון שלאַכט

אונטער דער טונקעלער לבנה פֿליִען װילדע גענדז
און שרײַען.
דער פֿירער פֿון די הונען אַנטלויפֿט משוגענערװײַז
מיט צעבראָכן כּלי־זין.
נאָכיאָגן װיל אים דער העלד אויף זײַן װינטיקן פֿערד,
נאָר דער שניי האָט פֿאַרשיט אים זײַן בויגן און שװערד...

טהו־הינג־יו (671—715)

הויפדאַמען

דעם האַלבטאָגס שווייַגן ליגט אויף דער טעראַסע.
דער גאָרטן שלאָפט, די בלומען שמעקן קוים.
ווי שאָטן בילדער שטייען פרויען צוויי געלאַסן,
הינטער דעם צעבליטן אָלעאַנדער־בוים.

איינע הייבט איר קאָפּ אַרויף און אָטעמט שווער,
זי וויל דער צווייטער פרוי אַ סוד פאַרטרויען.
זי קוקט זיך אום און זיפצט. זי רעדט נישט מער —
עס שפרינגט אַרום אַ פּאָפּוגאַי אויפן אָלעאַנדער־בוים...

שאַנג קיאַ־לינג

זינט ביסט אַוועק

זינט ביסט אַוועק קען איך נישט זיך זעצן וועבן,
ווייַל ס'איז מייַן האַרץ נישט גאַנץ.
איך טראַכט צו דיר און מייַן קערפּער ווי די לבנה —
פאַרלירט אַ יעדע נאַכט אַ טראָפּן פון זייַן גלאַנץ...

אומבאַקאַנט

☆

אויפֿן האַרצן איז אַזאַ מין אומעט היינט.
כ'וואָלט וועלן זיין די רייט־בייטש פֿון מיין פֿריינד.
אייביק זיין מיט אים, פֿון אָונטשפּעט ביז מאָרגנפֿרי,
ער זאָל מיך האַלטן אין די אָרעמס זיינע פֿעסט
צו ליגן גאָר אויף זיינע קני...

☆

ווי, עס איז שוין גאָרנישט מער פֿאַראַן צו זען!
דאָס שיפֿל וואָס איז ערשט נאָר דאָ געווען,
זיך געזעגנט האָט מיט מיר ביים ברעג,
אויסגעשפּרייט די זעגלען זיינע און אַוועק...

☆

— לען זיך אָן אויף מיין ליבע מיט דויער
ווי עס לענען אָן זיך סאַלאַמאַנדרעס אויף אַ מויער.

✡

איך בין ווי דער פּאָלאַר־שטערן: יובלות זענען נישט אין שטאַנד
מיך רירן פון מײַן אָרט.
דו ביסט ווי די זון די פאַלשע:
גאַנץ פרי דאָ, אין אָוונט — דאָרט...

✡

ווינטערצײַט. ס׳איז קאַלט אַזוי, עס גייט נישט קיינער
פון דער שטוב אַרויס.
דאָך בין איך אַרויסגעגאַנגען דיר אַנטקעגן.
גלייבסט נישט, מיינסט איך טראַכט דאָס אויס —
זע פון מײַנע טריט די שפּורן אויף די פאַרשנייטע וועגן...

✡

אין פרילינג שטראַלן די ביימער אין בלי,
אין פרילינג זינגען די פייגל מיט פרייד,
אין פרילינג בלאָזט דער ווינט מיט גלי
און פאַרהייבט מיר מײַן ווײַס־זיידן קלייד...

דער אָנפאַל פון די הונען

דער ריַיטער פון יוטשאַן טראָגט אַ היטל פון ציגענער פעל.
פון זיַינע ווילדע־פערד, די גרינע לאָנקעס אָפּגעפּאַשעט ווערן.
בליצן פליִען פון די נאָזלעכער און אויגן.
ער שפּאַנט אָן זיַין בויגן —
ווי די האַלבע לבנה — און שיסט מיט שטערן.

די הונען קומען פון דער אָזיערע באַיקאַל און שריַיען
פון די געבערג יאַנג־טשי־טשאַנגס אייביקע שנייען,
מיט האָב־און־גוטס, מיט פערד, מיט וויַיב און קינד,
מיט אָקס און רינד, מיט שטורעם און ווינט.

פון די פאַרבלוטיקטע הענט ריַיסן זיי דאָס רויפלייש מיט די ציין,
עס מאַכט זיי ווילד דאָס זויפן פון געריבטן וויַין.
קראָען שריַיען איבער זייערע קעפּ, די פרויען זינגען,
שטערן בליצן אין זייערע רויטע שווערדן־קלינגען.

אומבאַקאַנט

אימפּראָוויזאַציעס

1. די ליבעלע שוועבט אַ ציטערדיקע איבערן טײַך,
דער טײַך ליגט גלײַך און רויִק.
אַזוי־אָ צאַפּלט מײַן האַרץ בײַ דײַנעם...

די פּאַווע־אויג טאַנצט אום פון בלום צו בלום,
דער ווײַנבערג־שנעק באַדאַרף אַ וואָך פון רויז ביז צום נאַרציס.
דײַן ליבע געגליכן איז צו דער פּאַוועאויג,
מײַנע — צו דעם ווײַנבערג־שנעק.

3. איך זע אַ רויבפויגל איבערן גאָרטן קרײַזן.
דער הונט בילט. די הינער אומרויִק ווערן.
דאָ זע איך דיך בײַם פּאַרקן ווינקען.
מײַנע אויגן מאַכן זיך צו. דאָס בלוט רוישט.

4. דער הימל בליט ווי אַ טונקעלע בלום.
דער טײַך פליסט דורך דער נאַכט, דאָס האַרץ טיקעט.
פון יענער זײַט שטראָם וואַנדערט אַ ליכט איבערן סטעפּ.
אַ רופא וואָס צום קראַנקן אײַלט ? אַ יעגער ?
צי מײַן מיידל וואָס גנבעט זיך צו מײַן ריוואַל ?

ליען טשאַינג קינג (—756)

אויפֿן קהין

אויף די זיבן סטרונעס פֿון קהין ציטערט די מעלאָדיי:
דער געמורמל פֿון סאָסנעס אין בלויען אינדערפֿרי.
אוראַלטע געזאַנגען, טײַער איר זענט מיר זייער!
נאָר קיינער זינגט אײַך הײַנט נישט מער.

וואַנג ווער (759—699)

לבנה־אויפֿגאַנג

די בלומען ציטערן אין איינזאַמקייט.
אין שטילע נעכט זעען אויס די בערג פֿאַרוויסט.
רויִק גייט די לבנה איבערן גאָרטן אויף.
די פֿאַרגאַפֿטע פֿייגל מיינען ס'איז דער מאָרגנשטערן,
און פֿאַרפֿלעכטן זייער געזאַנג מיטן גערויש פֿון וואַסערלויף.

אַ גרוס

קומסט פֿון מײַן דאָרף און ברענגסט אַוודאי מיר אַ גרוס.
האָט דאָרט בײַם הײַזל וואָס פֿאַרן ווענדל עס קניט,
הינטערן פֿענצטער מיט זײַדענעם פֿאָרהאַנג
שוין דער בעז זיך צעבליט?...

וואָ־טי דע כאַן (87—157 פ. ק.)

דער האַרבסטווינט

דער האַרבסטווינט בלאָזט. ווײַסע וואָלקנס יאָגן אויפֿן הימל.
עס געלט דאָס גראָז. בלעטלעך פֿאַלן אָפּ און פֿליִען.
סטײַעס ווילדע גענדז לאָזן זיך קיין דרום,
די אָרכידייען און כריזאַנטעמעס בליִען.

איך טראַכט צו מײַן געליבטער. איך קען זי נישט פֿאַרגעסן,
כ׳שיף זיך צו איר. איך קען מײַן בענקשאַפֿט מער נישט צוימען.
דער שטראָם גייט שטאַרק, דאָס וואַסער רוישט ווי זײַד,
די כוואַליעס שוימען
און די געזאַנגען פֿון די רודערערס שפּאַרן זיך צום הימל.
אין סאַמע מיט פֿון גרעסטער פֿרייד וואַרגן מיך אין האַלדז די טרערן.
די יוגנט, ווײ, פֿאַרגייט און מיר אַלץ עלטער ווערן...

פאָנג יאָנג (אַרום 900)

דער טרויער פון קייסער ווו
אויף דעם טויט פון זײַן געליבטער

ווײ, איר געשטאַלט וועט זיך נישט באַווײַזן מער.
סוף האַרבסט. דאָס געמיט איז שווער.
דער געווירבל פאַרטראָגט די בלעטלעך ביזן הימל.
דאָס פײַנע גראָז „הינג" צעשפּרייט דעם ריח פון זײַן שטויב.
אין וואָלקן פון יענער זײַט טײַך זעט ער ווידער איר קאָלירט קלייד.
אַדיע, טרוימען פון ליבע און פרייד!
אונטער פאַרפרוירענעם באַלדאַכין, אין צימער פון יאַד.

דער פּאַלאַץ פון צעו־יאַנג *) איז ווײַט,
די גרוסן — זעלטן. די נאַכט גייט.
די רודערערס אויפן טײַך אַנטדרימלט ווערן,
און עטלעכע טענער פון אַ געזאַנג טראָגן זיך פון צײַט צו צײַט.
ביז צו די שטערן.

*) דער פּלאַץ פון די גייסטער.

טו־פו (712—770)

דעם זעלנערס פרוי

פיל בלומען זענען בלייך ווי פראָסט און אויף צו האַלטן זיך
באַדאַרפן זיי אַ מאָפּאָל־שטאָם אַ פעסטן.
איידער חתונה האָבן מיט אַ זעלנער,
נישט געבוירן ווערן וואָלט געווען אַמבעסטן.

דער הימל מיט אַן אויסטויש פון ווײַסע אָראַנזש־געבליטן,
האָט, שקיעה־צײַט, געדריקט אין זײַנע אָרעמס מיך געזעגן.
ווײ, דער באַגינען האָט אונדז באַלד אכזריותדיק צעשיידט,
דאָס געלעגער איז גלײַך ערשט געמאַכט געווען.

ער מאַרשירט, מאַרשירט צו דער ווײַטער גרענעץ,
דאָס זײַדנס אונדזערס ליגט באַליידיקט און פאַרשטויבט.
נאָר מײַנע עלטערן זיי זענען איבער־גליקלעך,
וואָס נישט אין גאַנצן האָט די ליבע מיך אַוועקגערויבט.

מיידלווײַז געפאָלגט האָב איך מײַן מאַמעס רייד,
די וועלט האָט אויסגעזען ווי אײַנגעשלאָפן גלײַך.
געשטאַנען אין דער טונקל, שטום אין זיך געקערט,
ווי אַ טרויעריקע ווערבע בײַ אַ ברעג פון טײַך.

אַך, ווי גערן וואָלט איך נאָכגעפאָלגט נאָך דײַנע טריט,
צווישן אָפּגרונטן מיט טויט באַשלאָגן.
טרערן וואָלט דײַן מוט פאַרגאָסן,
ווען דו זעסט מיך צווישן די געפאַרן דאָרט זיך טראָגן.

זאָל די צעשיידונג דיך נישט מאַכן שוואַך.
דײַן חוב איז פֿאַרן פֿאָטערלאַנד זײַן גרייט.
איך פֿאַרב נישט מײַנע האָר און שמינק נישט מײַן געזיכט,
איך זעץ זיך װעבן אין מײַן איינזאַמקייט דאָס גרויע לײַוונט-קלייד.

מײַנע בליקן לויפֿן, לויפֿן אום אין ווינט.
עס היפּען פֿייגעלעך אויףביימער אום אַ גאַנצן טאָג.
און שטענדיק זענען זיי אין צווייען.
ווען וועלן מיר זיך ווידער זען, געליבטער? זאָג!

צו דער גאָלדענער יוגנט

חוזקט נישט פון אַן אַלטן ליימיקן קרוג,
וואָס אין אונדזערע פויערישע הענט מיר האַלטן.

זינט ער דינט פאַר די אַלטע מינהגים אונדזערע,
האָבן מײַנע קינדער און אייניקלעך זיך אויסגעשטאַלטיקט.

זיך צוגעוווינט איר האָט צום זילבערנעם געפעס, צום נײַעם,
וואָס פאַר די געסט די טישן אײַערע באַשײַנען.

נאָר שיכּור ווערן מיר מיט אײַך צוגלײַך
און פאַלן אויף דער ערד, דער נאַכטיקער, אין איינעם.

די קורץ-פליגלדיקע שוועלבעלעך, די צאַרטע,
אַוועקגעפלויגן אויפן הימלוועג קיין דרום שוין פון דאַנען.

די בלומען וואָס באַשײַנט זיי האָבן אונדזער קאַנט,
האָבן אָפּגעבליט און האַלטן שוין אין וויאַנען.

איר זאָרגלאָזע יונגעלײַט אין געלע מלבושים, —
קומט צו פאָרן אַהער: וועט איר פאַרשטיין און וויסן

ווי פוסט זענען די האָפענונגען פון מענטשן,
ווי שנעל און אָן לײדנשאַפט זענען די וואַסערן וואָס פליסן.

אומבאַקאַנט

אַ שיפל פון שוואַרצהאָלץ. אַ יאַדן־פּלייט.
אַ ליד. דער פרילינג. אַ שיינע פרוי.
מײַן האַרץ בליט רויט, דער הימל בלוי,
און בלוי — דער ים.

איך פּישוף אוים אויף מײַן מיידלס באַקן
מיט מײַן ליד אַ לײַכטע רויטקייט,
איך פּישוף אוים די מאָרגנרויטיקייט.
זע!

ס'איז די נאַכט מיט אונדז פאַרגאַנגען.
אומשטערבלעכע, איך בין בײַ אײַך געפאַנגען...

אומבאַקאַנט

פּייסאַזש

אין זונפאַרגאַנג צעשפּרייטן זיך די וואָלקנס ווי פּילקאָלירק זײַד.
דער רויִקער טײַך זעט אוים ווי אַן אומענדלעכער לײַוונט,
אַ ווײַסער ווי קרײַד.

לויט די בלעטער וואָס זענען געבויגן, ווייסטו וויפל טוי איז געפאַלן
אין די בערג, וווּ די וואָלקנס, עס דאַכט זיך דיר, פאַלן.

די פיש שפּילנדיק, מאַכן ציטערן די וואַסער־ליליען;
די פייגל פליענדיק טרייסלען... אָפּ די בלומען.

טשאַנג האָנג

די דרײַ פרויען פון מאַנדאַרין

די רעכטע פרוי זאָגט:
דער קרוג מיט ווײַן איז פול, דער מאָלצײַט גרייט.
צי שטעלט מײַן מאַן זײַן אָרעם אונטער צום באַגלייט?

דאָס קעפּסווײַב זאָגט:
דער בעכער ווינקט, דאָס בראָטנס רופט: פאַרבלײַב!
ווער עס האָט קיין קינדער נישט, נעמט דאָס צווייטע ווײַב.

די דינערין זאָגט:
דער ווײַן שמעקט זיס, נאָך זיסער דער קאָנפעקט.
איך ווייס אַמבעסטן וואָס דעם האַר צום עסן שמעקט.

דער מאַנדאַרין זאָגט:
קיין ווײַן אין גלאָז, דער טרינקטיש נישט געמאַכט, —
איז רעכט אַזוי וואָס פון אַן אַלטן מאַן איר לאַכט?

לי הונג טשאַנג

ווען איך וואָלט אויף אירע ברוסטן ווייך געזונקען,
דאָס הייליקסטע פון די געטראַנקען טיף געטרונקען.
קום, גוטער טויט, און מיט דעם לעצטן אָטעם שטיל און שיין
לאָז אונדז ווי אַ בלויער רויך אין דער לופט פאַרגיין,
כּדי ווידער איבער הונדערט טויזנטער יאָרן,
פאַראייניקט ווי אַ שטורעמווינט דורך דעם אַוויר פאָרן...

ש י ק י נ ג

סאָלדאַטן־ליד

סאָלדאַט, דו ביסט מײַן פֿרײַנד, מאַרשירסט דאָ בײַ מײַן זײַט.
דער קייסער היט, באַוואַכט די טריט,
קיין מיידלעך מער אונדז פֿרייען ניט.
סאָלדאַט, דו ביסט מײַן פֿרײַנד, מאַרשירסט דאָ בײַ מײַן זײַט.

סאָלדאַט, דו ביסט מײַן פֿרײַנד, אויב האָסט דײַן שווערד פֿאַרלוירן,
באַשיץ איך מיט מײַן שילד דײַן גוף,
אַ ברודער בין איך דיר און רוף:
סאָלדאַט, דו ביסט מײַן פֿרײַנד, אויב האָסט דײַן שווערד פֿאַרלוירן.

סאָלדאַט, דו ביסט מײַן פֿרײַנד, ווען אונדזערע ביינער פֿוילן.
לבֿנה־שײַן ווי רויך פֿון ווײַט,
אין באַמבוק־וואַלד די מאַלפּע שרײַט.
סאָלדאַט, דו ביסט מײַן פֿרײַנד, ווען אונדזערע ביינער פֿוילן...

נ ק מ ה

ווײ! — שעפּטשעט זי — הערסט ווי עס רופֿט דער האָן?
ניין — זאָגט ער — ניין! די נאַכט איז טיף און שוואַרץ.
ניין, נישט דער האָן גערופֿן האָט, געליבטע פֿון מײַן האַרץ!

שטיי אויף, מײַן פֿרײַנד, פֿאַרהייב פֿון פֿענצטער דעם גאַרדין
און פֿרעג בײַם הימל צי עס איז שוין בלוי־באַגין!

ער שפּרינגט אַראָפּ: — ווײ אונדז ווײ, דאָרט ווײַט אַרויף
אַ בלייכער גייט דער מאָרגנשטערן אויף.

— דער מאָרגנשטערן — שטאַמלט זי אין שרעק —
ווי וועל איך דאָס אַריבערטראָגן? איצט מוזטו דאָך אַוועק...

נאָר פאָרן גײַן, צי דעם בויגן פענסטער אָן
און ציל די פײַל אין הארצן פונעם האָן!...

סאָנג פּאָע־זשען (1260 — ?)

אין אַן איינזאַמער געגנט

אין אַן איינזאַמער געגנט צו ווײנען גליקלעך, אָן זאָרגן.
אויסבויען אַ טעראַסע פון וואַנען זאָלסט טרינקען
די קילקייט פון פאַרנאַכטן און פאַרטאָגן.
קוקן אויפן רעגן וואָס פאַרשטעלט די וואָלקנס,
ווען אַ סטאַיע שוואַלבן פון ווינט ווערט דאָרט געטראָגן.

קוקן ווי עס שפּילן זיך די קינדער מיט קאַשטאַנען,
עס זאָל קיין פרײַנד נישט וועלן שטערן דיר,
ווילן וויסן צי ביסטו נאָך פאַראַנען.

ווײ! אַט קלאַפּט שוין עמעצער דאָרט אין מײַן טיר!...

טשו זשאָ סו (1450 — ?)

די שטראַלנדיקע לבנה

בײַם שפּיגל באַטראַכט זי די פֿולע לבנה װאָס שטראַלט.
דער האַלב אַראָפּגעלאָזטער פֿאָרהאַנג די שײַן אויף צװײען שפּאַלט.

דאָס צימער גלײַך פֿול איז מיט הונדערטער שפּליטערלעך יאַד.
זי הייבט דעם פֿאָרהאַנג אויף װי אין אַ טשאַד:

די לבנה אַ שטראַלנדיקע שטייט,
װי אַ פֿרוי װאָס לאָזט פֿון זיך פֿאַלן דאָס זײַדענע קלייד.

יואַן מעי (1716 — 1797)

בײַם ברעג פֿון טײַך

בעת איך שטיי בײַם ברעג פֿון טײַך,
אונטער לויכטנדיקער זון װאָס לייגט זיך מיד.
ברענגט מיר אָן דער פֿרילינגװינט אַזױפֿיל בלומען־ריחות,
אַז איך װײס נישט מער צװישן זיי דעם אונטערשיד.

שאַנג ווי קיען (1879)

דער פּאַוויליאָן פון מוזיק

די זינגערינס זענען שוין אַוועקגעגאַנגען.
דער בעז אין די גרינע יאַד-געפעסן
נויגט זיך צו די פידלען אַריבער,
גלייַך ער הערט זיך נאָך איַין אין די קלאַנגען
וואָס זענען ערשט דאָ געווען.

שפּאַציר

אין שוואַרצע רייען שנייַדן ווילדע גענדז אַדורך דעם הימל.
אויף די ביימער זעט מען פאַרלאָזטע נעסטן.
די בערג שטייען מיט אָנגעשפּיצטע אויערן.
איך האָב געפונען בייַם ברונעם די יאַדן-פליט,
וואָס כ'האָב זי זומער פאַרלוירן.

דאָס הויכע גראָז האָט זי פאַרבאָרגן פון אונדזערע בליקן.
נאָר דאָס גראָז האָט פאַרוויאַנעט און די פּליט
האָט געשטראַלט אין זונפאַרגאַנג...
איך האָב צו אונדזער ליבע געטראַכט,
וואָס געווען איז פאַרהילט אַזוי לאַנג,
און ווי די פּלייט זי געפינען.

אינהאַלט

דער וועג איז לאַנג

9 זון און שאָטן
10 דער וועג איז לאַנג
11 פאַרזעונג
12 אומבאַהאַלפנקייט
13 די לוויה
14 דער טייך
14 נאָך אַ רעגן
15 די טרערן, זאַגסטו
15 נישט די אָפּגעפרעמדקייט
16 דאָס רעדעלע
17 זייט מיר מוחל
18 די פרייד געקומען איז
19 דער קאַיאַר
20 דער שיכורער ווינט
21 אַ ווילדן אָקס
22 עס האָבן אונדז די מיספאַרשטייעניש
23 פּיקסלעך זענען אין מיין וויינגאָרטן אַריין
24 די הינט פאַרדערען זייערע קעפּ
25 דער גאָרטן צום פרילינג
26 מיר זענען
26 די פרוי וואָס שמייכלט
27 שווייס און טרערן
28 עס בריט דער דרויסן
29 אַ גראַם צו האָפן
30 קין
35 שמשון און דלילה
37 אליעזר שטיינבאַרג
39 וו איז די קוקאַווקע
40 אין שפּיגל
41 לאָזט מיך
42 לידער מיט אַ מאָראַל (א')
44 לידער מיט אַ מאָראַל (ב')

די אייביקע שפּיל

49 פון דיינע שמייכלען
50 וואָס דו זאָלסט נישט רעדן
51 קום, מיין געליבטע
52 רוף מיך נישט מער
53 די צייט לויפט
54 האָסט פאַרשטעלט זיך

55 האָסט ווידער
56 פאַר וואָס
57 פאַר אַ פריינד
58 זאַלבונג
59 גיי נישט אַוועק
60 עס גאַרט און בענקט
61 אונדזער גוטער עפלבוים
62 פאַר וואָס איז פאַרוויאַנעט
63 נישט די אָפּגעפרעמדקייט
63 וואָלט איך אויף דיין וואָרט
64 פאַרנאַכט־צו
64 דער נוסנבוים
65 דיין פריינדשאַפט
65 דו זאָגסט מיר...
66 שוין זיבן מאָל
66 דו ווונדערסט זיך
67 דאָס האָב איך דיך גערופן
67 דו זעסט
68 סוף זומער
69 נעם נישט אַראָפּ פון מיר
70 ווו ווערן זיך ענדיקן

אין טויזנט פייערן

73 מיין היים
74 אין טויזנט פייערן
75 גאָט, איך בין דיין לייטער
76 נאַכט. דער הימל אויסגעשטערנט
77 אין מיינע געזאַנגען
78 דער רויבפויגל
79 אַך טי, רבונו של עולם
80 ווי אַ קינד
81 איך וועל צונויפקלייבן
82 דער הימל האָט אַ ים מיט טרערן
83 איך ווייס נישט
85 דער דרויסן האָט זיך איבערגעשראָקן
86 גאָט פון אונדזערע אבות
87 סירענעס
88 מן המצר
89 די שויבן שמייכלען
90 דער מענטש איז די מאָס
91 די ביימער קרעכצן צום ווינט
92 ביים אָפענעם פענצטער

אַ וועלט מיט וועלטעלעך

95 (מעשהלעך און משלים)

פון דער יאַפּאַנישער דיכטונג

אָטאָמאָ יאַקאָמאָטי
115 אַ בריוו דער פרוי געשריבן אין פאַרשיקונג
115 שטענדיק פאַר דעם מאָרגנרויט
קינאָ צוראַיוקי
116 אַן אַנדערער געוואָרן ביסט
116 בלאָזט דער ווינט
116 אַ דרימל טאָן געקליבן זיך
אודזומי סיקיבו
117 אויפן הימל, ווו אַ שטערן
פודזיוואַראַ איעטאַקאַ
117 אָפּגעפאַלענער פורפור
אומבאַקאַנטער דיכטער
118 ווי אַ וואַנדערער
פודזיוואַראַ קיאָסקע
118 אָ, אָט די וועלט
אָנאָ־נאָ קאָמאַטי
119 ס'איז טרויעריק אַלץ
פודזיוואַראַ יעסינאָרי
119 ווי יענער הירש
אָנאָ־נאָ טאַקאַמוראַ
120 אַלץ, אַלץ איז ווייס
אומבאַקאַנטער אויטאָר
120 אָ, פאַרהאַלטן אים מיר זאָל געלינגען
עסאַנאָ טעקקאַן־(כיראָסי)
121 דער בעטלער
121 אין אירע הענט
122 און ווער וואָלט טראַכטן גאָר געקענט
122 אָ, ווען אַפילו דאָס ווילדע גראָז
עראַנאָ אַקיקאָ
123 פון דער טיף פון שוואַרצן אייז
סאַימאַראָ
123 עס גיסן מאַיאָווע רעגנס
באַסיאָ
124 זומערדיקע גראָזן
124 אָ, אומדערבאַרעמדיקער גורל
125 אויף אַ נאַקעטן צווייג
125 אַ בעטלער אויפן וועג
125 מיט אַ שטיין וואַרפט אין מיר
ראַנראַן
126 אַ האַרבסטרעגן אין דער פינצטערניש
טיאָ
126 איבערן טייכל אַ גאַנצן טאָג
126 אויפן טויט פון קליינעם זון
בוסאָן
127 אויסגעפאַלן אַ טוי
127 אַ שטיינהאַקער קלאַפּט

טאַיגי
127 הויך קלינגט אַ ליד
ריאָטאַ
128 איז אַווו זענען די גליווערעמלעך
128 אַלץ איז אין לבנה־זילבער
איסאַ
129 אין מיין היימלאַנד ליבן
129 עס שרייבט דער פאַזאַן אַזוי
129 ווידער אום פרילינג קום צו פליען
130 אָ, ציקאַדע, נישט וויין
130 אָ, טרעט נישט, בלייב שטיין
130 איז וואָר, אין פאַריקן לעבן
130 די פלוימענבוים צווייגן אין בלי
131 אָ, מיט וואָס פאַר אַ בענקשאַפט
131 ווען דער האַרבסטיקער געווירבל
131 נישט קריגט זיך אין וועג
איסיקאַוואַ טאַקובאָקו
132 פאַראַנען לייט וואָס אַלץ פאַר זיי איז פּרעקטיק
132 איך ליג אין גראָז אָן טראַכטונג און אָן טרויער
132 ווען רויק איז דאָס האַרץ
133 פלוצים, אומבאַמערקט פאַר מיר
133 נישט צו פאַרהאַלטן איז די טרער
133 מיטן צוג אין וועג

פון דער כינעזישער דיכטונג

לי־טאַי־פּע
135 ביי דער גרענעץ
135 געשריי פון קראָען
וועי און ווו
136 נאַכט
טשיאַנג צי
136 דער בלאַט פּאַפּיר
לו לאַן
137 צו אַ פריינד
137 געזאַנג פון שלאַכט
טהו־היינג־יו
138 הויפּדאַמען
שאַנג קיאַ־לינג
138 זינט ביסט אַוועק
אומבאַקאַנט
139 אויפן האַרצן איז אַזאַ מין אומעט היינט
139 ווייִ, עס איז שוין גאַרנישט מער פאַראַן צו זען
139 לען זיך אָן אויף מיין ליבע מיט דויער
140 איך בין ווי דער פּאָלאַר־שטערן
140 ווינטערצייט. ס'איז קאַלט אַזוי
140 אין פרילינג שטראַלן די ביימער אין בלי
אומבאַקאַנט
141 דער אָנפאַל פון די הונען
אומבאַקאַנט
142 אימפּראָוויזאַציעס

ליען טשאַינג קינג
143 אויפֿן קהין
וואַנג וועי
143 לבנה־אויפֿגאַנג
143 אַ גרוס
ווו־טי דע כאַן
144 דער האַרבסטווינט
פֿאַנג יאַנג
145 דער טרויער פֿון קייסער ווו אויף דעם טויט פֿון זיין געליבטער
טו־פֿו
146 דעם זעלנערס פֿרוי
148 צו דער גאָלדענער יוגנט
אומבאַקאַנט
149 אַ שפּיל פֿון שוואַרצהאָלץ
אומבאַקאַנט
149 פּייסאַזש
טשאַנג האַנג
150 די דריי פֿרויען פֿון מאַנדאַרין
לי הונג טשאַנג
150 ווען איך וואָלט אויף אירע ברוסטן
שי קינג
151 סאָלדאַטן ליד
151 נקמה
סאַנג פֿאַע־זשען
152 אין אַן איינזאַמער געגנט
טשו זשאַ סו
153 די שטראַלנדיקע לבנה
יואַן מעי
153 ביים ברעג פֿון טייך
שאַנג ווו קיען
154 דער פּאַוויליאָן פֿון מוזיק
154 שפּאַציר